ככה יעשה לאיש אשר המלך חפץ ביקרו!

# כלל ישראל'ס העלדן, די דריי גיבורי החיל, ווערן אויפגענומען מיט כבוד און עהרע בבתי מרנן ורבנן שרי התורה מנהיגי קהילות הקודש שליט"א

צווישן אנדערע ביי: פאה"ד הגה"צ רבי יעקב מאיר שכטער שליט"א - הגאון הגדול ראש הישיבה רבי יהושע דוד טורצין שליט"א - הגאון האדיר רבי דוד מיכאל שמידל שליט"א - כ"ק אדמו"ר מתולדות אברהם יצחק שליט"א - כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א - כ"ק אדמו"ר מבהוש שליט"א - הגה"צ רבי משה קרעמער שליט"א

## גדולי ומאורי ישראל שליט"א וואונטשן אן ברכות לרוב, ארויסווייזנדיג זעלטענע חביבות והערצה פאר כלל ישראל'ס העלדן וואס האבן געהאט די זכיה צו מקדש זיין שם שמים מסוף העולם ועד סופו מיט זעלטענע מסירות נפש

דרוקן אויס רגשי לבבם פול מיט הכרת הטוב פאר די הערואישע שלוחי כלל ישראל, הרב אשר פריימאן מראשי 'ועד אסירי ציון' און הרב מרדכי טעפ יו"ר 'הצלה לאחים' שע"י 'קרן ויואל משה' פארן העלדיש באגלייטן די אסירי ציון און שטיין בראש מערכות הקודש צו ראטעווען נשמות ישראל

### רירנדע אויפנאמע בבית כ"ק פאר הדור הגה"צ ר' יעקב מאיר שעכטער שליט"א






### קבלת פנים במעונו פון כ"ק אדמו"ר ממשכנות הרועים שליט"א



ברכת קודש פאר הרב אשר פרייפאן שליט"א מראשי 'ועד אסירי ציון' פארן געטרייע באגלייטן די אסירי ציון במסירות נפש



וואונטש אן דעם גיבור החיל ואסיר ציון מיט ברכות לרוב פארן מקדש שם שמים זיין

### מרן ראש הישיבה הגאון האדיר רבי יהושע דוד טורצין שליט"א



ביים הערן פונדערנאנט א באריכט פונעם קאמף ביזן באפרייאונג פון הרב אשר פרייפאן מראשי 'ועד אסירי ציון'



וואונטש אן דעם גיבור החיל ואסיר ציון מיט ברכות לרוב פארן מקדש שם שמים זיין

### הגאון הגדול רבי דוד שמידל שליט"א



### כ"ק אדמו"ר מתולדות אברהם יצחק



### הגאון רבי משה קרעמער שליט"א



### כ"ק אדמו"ר מבוהוש שליט"א



# טעגליכער איבערבליק

## איבער דעם שטורמישן מצב אין ארה"ק

### מיטוואך ווישלח

אין דער שטאט 'אופקים' קלאפט די מיליטערישע פאליציי ביי א בחור אין שטוב. בטעות עפנט מען זיי דעם טיר, און מען קייטלט דעם בחור און מען נעמט אים אריין אין דעם פאליצייאישן אויטא. אינדערצווישן האט מען באוויזן צו קלינגען דעם ספעציעלן טעל. נומער, און ווען דער בחור איז שוין געזעסן אינעם קאר האט דער ציבור באוויזן אנצוקומען און בלאקירן דעם אויטא. פאר די פאליציי איז נאך געליגן אין מויל דעם טעם פון די איבערגעדרייטע אויטא אין 'רמת גן', און זיי האבן שנעל געעפנט דעם טיר און באפרייט דעם בחור, זאגנדיג אז מארגן זאל ער קומען זיך שטעלן אין מיליטער. דער ציבור איז ארויף צו אים אין שטוב און מחזק געווען אז ער זאל זיך נישט דערשרעקן.

צומארגנס האט דער ווארטזאגער פון מיליטער אפיציעל איבערגעגעבן אז די סיבה פארוואס מען האט נישט ארעסטירט דעם בחור איז ווייל מען האט זיך נישט געוואלט טרעפן מיט קיין איבערגעדרייטע אויטא. אבער, פירט ער אויס, "דער מיליטער איז מגנה די אלע סארט ווילדע שטיקעס". יא, דער "יתד נאמן" איז שוין נישט קיין "קול קורא במדבר" אקעגן פרעות.

**א בחור יונתן כהן פון קרית אתא, וואס זיין קעיס איז געניט באגלייט געווארן דורך "הצלה לאחים" שע"י קרן ויואל משה, באקומט ענדליך א פטור און וועט ביז א קורצע צייט באפרייט ווערן פון תפיסה.**

די חרד"ק'ישע אפטיילונג "קדקוד" איז מפרסם אז מען קען אצינד באקומען אכט טויזנט שקל א חודש פארן זיך אנשליסן אינעם בריגאדע און זאגאר פארבלייבן גענצליך פרום. א ריכטיגע חוטא ומ'אכט'ע...

### דאנערשטאג ווישלח

**איר געדענקט נאך די פראטעסטן אין די תש"ל יארן? די טאוולען פלעגן אנטהאלטן אויפשריפטן: "נישט רוסלאנד נאר מדינת ישראל".**

**אצינד איז דאס אריבער א שטאפל, ווען דער הויפט רב פון רוסלאנד, הרב בערל לאזאר, האט אפיציעל געשיקט א בריוו צו די מדינה אינסטאנצן, וואס האלטן ברוטאל פארשפארט א בחור פון חב"ד אין תפיסה אונטער שווערע אומשטענדן, פאר'ן בלויזן חטא פון ווילן זיין א איד.**

**הרב לאזאר'ס בריוו, אלס א פאפולערע פיגור, זייעט אן א שטיקל שטורעם, און די מציאות פאטשט אין פנים, ווען אין רוסלאנד קענען אידן פראקטיצירן תורה ומצוות, און דייקא אינעם אזוי גערופענעם 'מדינת ישראל' זיצט מען אין תפיסה דערפאר.**

א הערליכער מעמד קריאת התורה איז פארגעקומען אין ביהמ"ד שערי רמ"א אין בית שמש, וואו מ'האט געליינט פון פרשת בראשית ביז פרשת וישלח פאר'ן גיבור חיל הרב אלעזר צדוק קויפמאן, וואס האט פארפאסט צו הערן קריאת התורה בציבור.

**א שטורעמישע באגעגעניש איז פארגעקומען דורך כ"ק אדמו"ר מסלונים שליט"א מיט הגאון ר' משה צדקה שליט"א, אויסצושמועסן דעם ביטערן מצב פונעם איצטיגן און בעפארשטייענדן חוק הגיוס, "ללמד את בני יהודה קשת", און ארויסגיין לוחם זיין בחרף להציל את שארית הפליטה**

ליל ששי פארטאגס קומט פאר אן ארעסט דורך די ציווילע פאליציי וועלכע פירן אריבער צוויי אומשולדיגע בחורים פון א גאז סטאנציע צו די מיליטערישע פאליציי, זייענדיג עריקים. די געשיכטע שפילט זיך אפ אין דעם שטעטל 'מעלה אדומים'. איין בחור, מאיר ישראל בן אסתר יעל, באקומט זעכצן טעג. זיין חבר, יעקב אליעזר בן חי' אסתר, באקומט צוואנציג טעג אין תפיסה. וואס צוזאמען מיט די אכט און צוואנציג אסירים איז דאס דרייסיג ארעסטירטע צוליב דעם גזירת הגיוס.

און צום וויפילטן מאל פרעגט זיך די שאלה: איפה היינו ביום הבחירות? וואו איז אונזער שכל געווען ווען די חברי הכנסת האבן מבטיח געווען אז זיי וועלן שטיין אונטער א יעדע בחור וואס וועט ארעסטירט ווערן? עס זיצן דרייסיג בחורים! מ'הערט גארנישט פון זיי. זעט אויס אז זיי שטייען טאקע אונטער א יעדע בחור וואס ווערט ארעסטירט, דען זיי זענען גאר די וואס ארעסטירן די בחורים! אבער אין די צייטונג זייערע הערשט א שטילקייט, קיין פיפס נישט! ניטאמאל א 'בקשו רחמים' מודעה.

נאר וואס יא? ווען עס קומט צו רעדן פונעם בעפארשטייענדן חוק הגיוס, דארט ווערט געפאמפעט: "דער מצב איז שרעקליך! מען לעבט אין א פחד! מען מוז האבן עפעס א חוק." דאס איז כדי דער ציבור זאל זיך פרייען אויף א חוק. אבער סתם אזוי איז שא שטיל. און בינא לבינא רייסט מען לעבעדיגע שטיקער. און אפילו די חרדי'שע נייעס ברענגער אויף די אידישע שפראך אין אלע פארמען, כמעט אלע ווייסן עפעס נישט פון קיין גיוס צו זאגן. בלויז ווען א בחור פון א "ברענד נעים" ישיבה ווערט ארעסטירט, דעמאלט וואקסט פריש ארויס א גזירה. גזירה היא - עס איז נאר א גזירה, מלפני - ווען עס איז פאר מיר, אבער סתם אזוי, ואין לך רשות להרהר אחריה.

### זונטאג ווישב

אין די פארנאכט שעות איז פארגעקומען א פאל ל"ע, ווי די אינסטאנצן האבן געוואלט דורכפירן 'ניתוחי מתים' אויף א בר מינן ל"ע, אפילו עס איז נישט געווען קיין שום סיבה. מען האט פרובירט צו בלאקירן דעם ארויסגאנג, זענען זיי ארויס פון אן הינטער טירל, האט מען דארט בלאקירט. למעשה איז ב"ה געלונגען צו פארזיכערן כבוד ישני עפר, ברוך הטוב והמטיב.

'הצלה לאחים' גיבט איבער א שוידערליכן פאל וואו א יונגערמאן, א חסידישער, איז ליידער אריינגעפאלן אין מיליטער ה"י. וואס איז? מען האט צופיל געדרייט א קאפ, און דער מפקד האט אים פעסטגעשטעלט אז בעצם איז שוין נישטא וואס צו טון מיט אים, און ער האט אן אויסוועג פון קומען בלויז דריי שעה א טאג. ויירא בצר לו האט ער דאס ליידער אנגענומען, און דער יונגערמאן איז ליידער דארט. **לבי לבי על חלליהם!**

א שרעקליכע פירצה בחומת הקדושה בעיר הקודש צפת, ווען חרדישע פרויען הייבן אן צו דרייוון די באסעס אין שטאט. עס ווערן פארשפרייט קול קורא'ס בחתימת ידם פון די רבנים צו פארשרייען די פירצה.

### מאנטאג ווישב

דם ואש ותמרות עשן! אין ליכט פון די עטליכע ארעסטן ובפרט ליל שישי, זענען פארגעקומען העפטיגע פראטעסטן אין די שטאט בני ברק פאר לענגערע שעות. די שנאה כבושה וואס די פאליציי און די חילונים המון עם האבן צו די חרדים גייט איבער אלע גרעניצן, ווען אין 3 באזונדערע אינצידענטן זענען מאטאריסטן אריינגעפארן מיט מאטאר-ביציקלעך אדער קארס צווישן ציבור, אין איין פאל איז מען ממש איבערגעפארן מיט די רעדער א חשוב'ע בעלי מסירות נפש, פון וועלכע א בחור האט געליטן שווערע צעבראכענע ביינער מיט אינערליכע בלוטיגונגען.

אבער והכהו גייט דאך אהין און צוריק... ביי דער פאל מיט א ביציקל - קנאק-בייזיק ווי עס ווערט גערופן - איז עפעס מיסטעריעז פארברענט געווארן נאכדעם וואס עס איז געווען ממש סכנת נפשות ווען עס איז איבערגעפארן לעבעדיגע מענטשן אן קיין רחמנות. הפחמי תמה "אנה יכנס כל הפשתן הזה?" היה פיקח אחד משיב לו: ניצוץ אחד יוצא ממפוח שלך ששורף את כולו. והיה בית יעקב אש ובית יוסף להבה ובית עשו לקש.

**אין די פארמיטאג שעות קומט פאר א העפטיגע מחאה פארנט פון תפיסה נומ' 10 צו מחזק זיין דעם גיבור החיל הרב ר' אהרן ראטה, ואתו עמו די 30 אסירים, ובמיוחד פאר א חשוב'ן בחור, יצחק אלחנן, וואס דארף באזונדער חיזוק. די לוחמי מלחמת ה', די בעלי מסירות נפש האבן אינזין א יעדן איד עקסטער, וכל המציל נפש אחת מישראל כאילו קיים עולם מלא.**

דער ראש הממשלה לאזט זיך ווייטער הערן איבער'ן בעפארשטייענדן חוק הגיוס, ווי גוט און ווירקזאם עס גייט זיין. "דער אלטער חוק פון די לינקע רעגירונג האט בלויז געברענגט א חוק השתמטות, ווי א יעדער פרובירט צו אנטלויפן דערפון. איך ברענג א גוטע געזעץ, א געזעץ צום טיש". דער לבן הארמי ווייסט צוצולייגן מיט זיין גלאטן צינגל, "אוודאי דארף מען היטן אויפ'ן עולם התורה, אבער נאר אינאיינעם מיט א חוק הגיוס." עד כאן. ער זאגט דאך ממש דאס זעלבע ווי די חרדי'שע חברי הכנסת בהסכמת גדוליהם, ואלו ואלו דברי אלהים אחרים

און בנוסף צו נתניהו, זיצט אונזער גוטער חבר מ. פרוש אויך נישט מיט קיין פארלייגטע הענט, און מיט זיין שיינער הערליכער שניי-ווייסער בארד איז ער מסביר פאר די חילונים די מעלות פון דעם נייעם געזעץ. און די פרייע, לעומתו, ברענגען ארויס אז דער פרוש האט זיך שוין אויך געטוישט, ווייל מיט אייניגע יאר צוריק האט ער אויף אזא געזעץ מיט געלט שטראפן געשריגן אז מען דארף קריעה רייסן, און יעצט איז ער גאר דער וואס איז מסביר ווי גוט דער געזעץ איז. ממילא, פרוש איז שוין אויך מיט אונז. ואידך פרוש... זיל גמור!

**אין אנדערע נייעס הערט מען שוין אז ענדליך ענדליך גייט שוין פארקומען די ערשטע אגודה מועצת גדולי התורה, וואו די ראשי און מנהיגי אגודת ישראל גייען זיך צוזאמזעצן און דן זיין אויפ'ן חוק הגיוס. צום באמערקן אז ביי די אסיפה סוף שבט תשפ"ה, וואס איז נישט געווען פארופן דורך די חברי הכנסת, האבן אלע אדמו"רים זיך שארף מתנגד געווען צום חוק. און אצינד קוקט אויס אז ווארשיינליך וועלן זאכן גיין אין אן אנדערע ריכטונג, דען ש"ס, דגל, און ליכוד זענען שוין מסכים. יעצטווארט מען נאר אויף די לינקע חילונים און אויף די אגודה. ומי יתן והיה אז עס זאל טאקע נישט צושטאנד קומען.**

אין די זעלבע צייט וואס דער יתד נאמן איז מסביר אז דער חוק הגיוס איז נאר באשאפן געווארן צו ראטעווען ספרדים, ווייל די אשכנזים זענען אויטאמאטיש געראטעוועט, רינט ארויס א רעקארדירונג פון איינעם פון די דגל פארטיי, וואו ער דערציילט "מיר האבן א הסכם מיט די ממשלה אז פון בני ברק און ירושלים ישיבות, די באוואוסטע, וועט מען בשום אופן נישט נעמען קיין בחורים". און די ספרד'ישע אידן פארשפרייטן דעם רעקארדירונג צו צייגן דעם בלאף פון דגל, וואס איז עוסק אין דעם "כי נמכרנו אני ועמי להשמיד ולאבד, כי אין הצר שוה בנזק המלך", און דגל האט די חוצפה צו שפילן טאמאוואטע און פרעגן "מי הוא זה ואיזה הוא אשר מלאו לבו לעשות כן".

### דינסטאג ווישב

דער בחור וואס איז פארוואונדעט געווארן ביים פראטעסט, אליהו ברוך בן רות, ווערט עטוואס בעסער זיין מצב אינעם שפיטאל. די דאקטוירים זאגן אז ער איז דורך א נס. די משפחה מיטן בחור ברענגען ארויס זייער רגשי שמחה אז זיי האבן געהאט די זכי' צו זיין פון די דפרע בגופא פאר כבוד שמים!

**א באזונדערע דריטע פאל מיט א בחור וואס האט די לעצטע רגע ארויפגעטאנצן אויפן דאך פון א ווילדע דרייווער - און אזוי אויסגעמיטן פון ווערן איבערגעפארן - איז בשלום אראפ פונעם קאר נאכן ליגן דארט בשעת דער קאר פליט מיט ווילדקייט א ווייטע שטרעקע.**

די יועצת המשפטית ערקלערט אז מ'דארף נאך לכל הפחות צוויי חדשים! צו אריינקוקן אין אלע פרטים פונעם חוק הגיוס. דאס מיינט אז נתניהו'ס קורצע צייט פון לכל הפחות צוויי וואכן ביז א פארטיגע געזעץ איז אצינד אפגעשטופט אויף קודם נאך צוויי חדשים! אחוץ דעם טענה'ט די יועצת המשפטית אז דאס וואס מ'וויל איז "שירות לאומי ואזרחי", דאס מיינט פאליציי, פייערלעשער, זאלן גענוצט ווערן אנשטאט מיליטער, זאל גענצליך אנולירט ווערן, נאר מיליטער איז מיליטער. הרשעים כים נגרש!

**צאו והפגינו! כמעשהו בניו יארק ומאנטריאל, כך מעשהו בעיר הבירה לאנדאן! דאס יהדות החרדית אין לאנדאן גרייט זיך ארויסצוגיין דעם היינטיגן דאנערשטאג קעגן איבער דעם דארטיגן ציוניס'טישן קאנסולאט לזעוק ולהתריע קבל תבל ומלואה, צו מקיים זיין דעם צאו והפגינו, צו בעטן פון די אומות ושרים אז זיי זאלן זיך אננעמען פאר א תורה-טרייע לעבן אין ארץ ישראל, און די מדינה זאל לאזן ערליכע אידן לעבן געניי ווי אין אנדערע דעמאקראטישע מדינות. כולנו לקדש שם שמים!**

די חשובע הנהלת מוסד הק' "קרן ויואל משה - הצלה מגיוס", בראש דעם ענערגישן מסירות נפש'דיגער מנהל הרב ר' משה שווארטץ שליט"א, שטאט אפ א באזוך אין ארץ ישראל, צו זען פון דערנאנט די פעולות ההצלה וואס איז אזוי ברייט פארצווייגט און פארוויקלט, אין אלע פיר לאקאציעס וואס ווירבלען כסדר מיט ווענדונגען פאר הילף.

א שיינע שבת התאחדות ווערט געפלאנט פאר די וואך פרשת וישב פאר די בעלי מסירות נפש פון יד להושיע, מרכז הצלה, הצלה לאחים, די דריי פולשטענדיגע אקטיווע אפיסעס להציל נשמות ישראל משמד.

אין כפר חב"ד, ביום י"ט כסלו, ראש השנה לחסידות, נעמט מען דארט אויף ביותרת הכבוד דעם מפקד פון די אזוי גערופענע "חשמונאים בריגאדע".

אין דער זעלבער צייט וואס חב"ד'סקע בחורים שמאכטן אין טורמע, יא! דער חב"ד'סקער בחור'ל ווארט אויף זיין חג הגאולה!

# איין טאָג אויפאַמאָל!!!

## "וויאַזוי האָב איך דאָס אַדורכגעמאַכט?"

אַן ערשטהאַנטיגער שילדערונג פון די הונדערט-צוויי-און-דרייסיג טעג אין בידוד פון

## הרב אלעזר צדוק קויפמאן שליט"א

**וואו ער טיילט מיט זיין געוואַלדיגע עזות דקדושה דורכאויס די גאנצע תקופה, און א שבח והודאה פארן רבוש"ע אויף די זעלטענע זכיה צו מקדש זיין שם שמים ברבים אויף אזא אויסטערלישן פארנעם**

פון זיינע ווערטער ביי דער מעמד "סעודת הודאה" אין ביהמ"ד אהל שרה דקהל יראי ה', און ביים מעמד "קבלת פנים" אין ת"ת חומת יהושע

### זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו! דער אויסגעוואַרטער אַרעסט!

ווי אַלע ווייסן, האָט מען מיר איינגעזעצט ביי די קברים אין יאהוד, וואו ס'איז פאָרגעקומען זייער אַ בלוטיגע מערכה דאָרטן קעגן דעם חילול קברי ישראל רח"ל. ב"ה אַז איך האָב שוין זוכה געווען עטליכע מאָל צו ווערן איינגעזעצט אין תפיסה ביי אַנדערע מחאות אויף אַנדערע אידישקייט מערכות, און אַזוי ווי איך בין צוגעוואוינט ווי ס'איז געווען ביז דעמאָלט, מ'גייט אַריין, מערסטנס אַ טאָג-צוויי, און מ'גייט אַרויס. אַזוי איז אויך געווען דאָ ביי די קברים אין יאהוד, וואָס איך בין שוין געפאָרן עטליכע מאָל צו זיך אָננעמען פאַר דעם כבוד פון די ישני עפר, און מ'האָט מיר נישט איינגעזעצט. אַצינד איז ענדליך שוין אָנגעקומען דער טאָג. איך האָב געפילט אַ מורא'דיגע זכות אַז איך בין געוואָרן איינגעזעצט. ענדליך האָבן זיי שוין מסכים געווען מיר צו נעמען, למען מנוחת ישני עפר. אָבער איך בין געווען זיכער אַז ביז אַ טאָג-צוויי מערסטנס נעמט מען מיר אַרויס.

איך בין אנגעקומען דארטן, מ'האט גענומען מיינע פרטים, איז ארויפגעקומען אז ס'רעדט זיך דא פון א שווערע פושע. די גאנצע מדינה זוכט אים, ער איז נישט געקומען אין מיליטער. אבער איך האב זיך אויסגעלאכט, ווייל איך האב געטראכט אז איך בין שוין געזעסן אסאך מאל, און ס'איז נישט דאס ערשטע מאל וואס מ'זאגט מיר "דו ווייסט, מ'זוכט דיך פון מיליטער, מ'גייט רופן די מיליטערישע פאליציי", אבער אלעמאל ווארפן זיי מיר ענדע ארויס.

אבער דא האט דער אויבערשטער אנדערש געוואלט. מען לייגט מיר צוריק אריין אין צימער נאך וואס מען האט מיר געמאכט די חקירות. איך זיץ דארט און איךווארט, אינמיטן רופט מען מיר ארויס פון צימער. איך קום ארויס און איך זע אז עס שטייען אזעלכע צוויי שבאבניקעס. איך דערקען די גרינע קליידער. און זיי זאגן מיר "שטרעק אויס די הענט". איך קוק זיי אן, "ווער זענט איר? וואס ווילט איר?" זאגן זיי "מיר זענען געקומען פון דעם מיליטער, מיר זענען דיר געקומען נעמען, שוין, אן קיין שאלות". איך האב נישט גע'חלומ'ט פון אזא זאך. "שטרעק אויס די הענט מיט די פיס". מען פירט מיר ארויס ווי א חי', מען לייגט מיר אריין אין א פשוט'ע אויטא, נישט פון די בלויע פאליציי, און מען פארט ארויס צו דער מיליטערישער סטאנציע אין תל השומר.

דארטן, נאך פאר'ן אנקומען אין תפיסה נומ' 10, גייט מען אריבער נאך אן אויספארשונג. דאס איז שוין געווען אן אויספארשונג וועגן די נושא פון מיליטער, מיר זענען געווען שטענדיג אין פארבינדונג מיט די געטרייע עסקנים פונעם בארימטן "ועד אסירי ציון", וועלכע האבן אונז געהאלפן אויף יעדן טריט און שריט, זיי האבן אונז אויך פארבינדן מיט די געטרייע עסקנים פון "הצלה לאחים".

נאך דער אויספארשונג קומען זיי ארויס צו מיר, און איך בין ארעסטירט! איך האב נאך נישט געוואוסט וואס טוט זיך מיט מיר, איך האב נאך נישט געוואוסט וואס גייט זיין, איך בין נאך געווען אינגאנצן צעמישט. און ער זאגט מיר, "דו ווייסט אז אין תפיסה טוט מען זיך אָן עקסטערע קליידער? אלע דארפן גיין מיט די זעלבע קליידער". איך האב שוין געוואוסט דערפון, ער האט מיר דאס נישט געדארפט דערציילן, ווייל איך האב שוין געהערט אז עס זענען דא עקסטערע קליידער וואס מען גייט זיי אנגעטאן אין תפיסה, אבער איך האב אויך געוואוסט אז עס זענען געווען מוסרי נפש וואס האבן זיך נישט געוואלט אנטון די קליידער. האב איך געטראכט צו מיר, איך טו נישט אן די קליידער, איך געהער דאך צו "אהל שרה", איך געהער צו א קהילה און א משפחה פון מוסרי נפש, מ'האט מיר שטענדיג מחנך געווען אויף מסירות נפש, קען איך דאך נישט אנטון די קליידער.

האט ער מיר אנגעהויבן אנשרעקן, "דו ווייסט וואס מיר קענען דיר דא מאכן? מיר גייען דיר ארייַנלייגן אין א צימער, א טונקעלע צימער, אן קיין פענסטער, וועסט נישט וויסן ווען ס'איז טאג און ווען ס'איז נאכט, וועסט נישט וויסן ווען צו דאווענען שחרית, ווען מעריב, וועסט נישט וויסן וויפיל טעג ס'איז אריבער, וועסט גארנישט וויסן. א טונקעלע פארשמירטע צימער." איך געדענק שוין נישט וואס נאך, פיל זאכן. ער האט מיר אנגעהויבן פארשווארצן, ס'איז געווארן שרעקעדיג, און איך טראכט צו זיך 'איך גיי דאס נישט קענען אויסהאלטן'.

### איין טאג אויפאמאל!

דאן האב איך געטראכט צו מיר, בשעת איך





האב נאכנישט געוואוסט וויפיל צייט איך גיי זיצן: לאמיר פרובירן איין טאג. וואס קען שוין פאסירן? איך פרוביר איין טאג, איין טאג קען איך! אויב איך וועל זיך אנטאן די קליידער, און איך וועל גיין צו די אפענע תפיסה, א הערליכע פלאץ, ממש ווי א האטעל... נישט אזוי ווי די טונקעלע בידוד צימערן, וועל איך שפעטער נישט קענען חרטה האבן. אפילו איך וועל טראכטן: 'אוי! פארוואס האב איך געמאכט דעם טעות?' וועל איך שוין נישט קענען צוריקגיין, נאכן אוועקגעגעבן מיינע קליידער, וועלן זיי מיר דאס אוודאי נישט צוריקגעבן. האב איך געטראכט: לאמיר פרובירן. איך טו זיך נישט אן די קליידער! אויב איך וועל פילן טאקע אז איך קען מער נישט, וועל איך דעמאלט פרעגן א דעת תורה. איך וועל פרעגן דעם רב, און אויב ער וועט מיר זאגן אז איך מעג טאקע גיין אין די אנדערע אפטיילונגען פון דער תפיסה, וועט מען שפעטער זען, אבער די ערשטע זאך דארף איך מיר נישט אונטערגעבן.

און אזוי האב איך טאקע געטון. די אנדערע צוויי אסירים וואס מ'האט ארעסטירט צוזאמען מיט מיר, זענען אויך אנגעקומען, און האבן אויך געמאכט דעם זעלבן חשבון, און צוזאמען האט מען זיך מחזק געווען אז מיר גייען פרובירן. מיר גייען פרובירן איין טאג, צוויי טעג, מ'וועט זיך פרובירן מחזק זיין צוזאמען און פרובירן ציען ווילאנג מ'קען.

און וואס איז געווען למעשה? מיר זענען אנגעקומען אין תפיסה נומ' 10. די ערשטע זאך האבן מיר געזען אז "פיהם דיבר שוא". די אלע סטראשערייען הייבן זיך נישט אן. ס'איז דא א פענסטער, מ'קען זען ווען ס'איז טאג, ווען ס'איז נאכט. איך קען נישט זאגן אז ס'איז גאר געשמאק, אז ס'איז גאר גרינג. ס'איז נישט גרינג. אבער ס'איז נישט וואס זיי האבן אונז אנגעשראקן.

## מ'קען דאס איבערלעבן! ס'איז גארנישט געשען!

אזוי האבן מיר אנגעהויבן דעם ערשטן טאג. מ'איז אריבער דעם ערשטן טאג, און מ'גיט א קוק, יא! איך בין דאס אריבער, איך בין געבליבן לעבן! ס'איז גארנישט געשען! אפשר קען איך נאך א טאג? לאמיר פרובירן נאך א טאג. און אזוי טרעף איך זיך שוין נאך א וואך. אינמיטן האב איך געפילט אז איך קען שוין נישט מער. זיי האבן מיר נישט געלאזט רעדן אין טעלעפאן אפאר טעג, איך קען נישט אהיים קלינגען, א.א.וו. און איך טראכט: איך קען נישט מער, ס'איז אזוי שווער, איך מוז שוין רעדן מיט א דעת תורה, אפשר וועט ער מיר זאגן אז איך מעג אראפגיין.

איך האב מיך פארבינדן מיט א דעת תורה, און ער האט מיר געזאגט: "אפילו ס'איז שווער, שטארק זיך! פרוביר ווייטער, שטארק זיך!" איך האב געפילט דעמאלט אז ס'איז אוועקגעגאנגען די גאנצע שוועריגקייט. איך האב א דעת תורה וואס זאגט מיר אז דאס דארף איך טון. ס'איז מיר געווארן גרינג.

איך געב מיך איין דריי, און איך זע, ס'איז שוין אריבער צוויי וואכן! ב"ה. און ווי אלע ווייסן, האב איך זוכה געווען צו זיצן גאנצע הונדערט-צוויי-און-דרייסיג טעג אין בידוד. דער שרעקעדיגער 'בידוד' וואס אלע אין לאנד ציטערן פון דעם, מ'זאל זיי נאר נישט ארײנלייגן דארטן, און ווען מ'לייגט איינעם אריין דארטן, הייבט זיך אים אן ווארפן אלע אברים, און ער שרייט "נעמט מיר שוין ארויס פון דא. איך וועל שוין זיין וואויל". דארטן בין איך געזעסן מיט שטאלץ, און ב"ה, איך בין געבליבן, איך בין דא!

## איין שבת קענסטו? פרוביר איין שבת אויפאמאל!

אין תפיסה זיצן נאך אסאך סארטן מענטשן וואס זענען ליידער נישט קיין פרומע, און אפילו אביסל ווייטער, און אפילו מענטשן וואס האבן נישט געהיטן שבת. איך בין געזעסן אין תפיסה מיט אזעלכע סארטן מענטשן, וואס איך האב זיי איבערגערעדט אז ס'איז גאר געשמאק אז מ'לערנט זיך צו היטן שבת, און אז מ'טאר נישט מחלל שבת זיין. אבער ער זאגט, "איך קען נישט, איך קען נישט, איך קען נישט היטן שבת. האב איך געפרעגט איינעם פון זיי, "זאג, יום כיפור פאסטו? יום כיפור טוסטו מלאכות?" זאגט ער מיר, "ניין, יום כיפור? יום כיפור נישט." זאג איך אים, "פארוואס יום כיפור נישט? דו ווייסט אז שבת איז אויך א דאורייתא? פארוואס יום כיפור נישט?" זאגט ער מיר, "הער זיך איין, יום כיפור, איינמאל א יאר, איינמאל א יאר קען איך נאך אויסהאלטן. שבת, יעדע וואך, דאס קען איך נישט." זאג איך אים, "ווער האט דיר געבעטן טראכטן אז ס'איז דא יעדע זיבן טעג א שבת? מיר שטייען יעצט פרייטאג, יעצט איז דא א שבת, איין שבת קענסטו? אזוי ווי דו קענסט איין יום כיפור, קענסטו איין שבת? פרוביר איין שבת."

# רירנדע חרוזים געזונגען פארן גיבור החיל ביים "קבלת פנים" און "סעודת הודאה" דורך זיינע חברים

**(ניגון: יאקאב - רבי יו"ט ערליך)**

אין תפיסה נומער צען,
האט יעדער געקענט זען,
די גאנצע תקופה וואס דארטן איז געווען.

צי דען קען מען פארשטיין,
כאטש א מעין דמעין,
וואס דארט איז אריבער און נאך בלייבן אזוי ריין.

די נאכט אזוי שטיל,
מען הערט נישט קיין טריל,
עס שלאפט שוין דער דערפל,
די קלייט און דער מיל.

שוין טעג און וואכן, שוין א לאנגע צייט,
וואס ער זיצט פארשפארט, ווייט ווייט.

שווערע נעכט און שווערע טעג,
פול מיט צער, פחד און שרעק.
זיצט דארטן ר' אלעזר פארכאפט און פארשפארט,
ביי די שמוציגע נעגל, ביטער ווי די נאכט.

גליקליך דער פנים, צוגעבונדן די הענט,
קיינער פון דארט האט אזוינס נישט געקענט.
זיצן אין בידוד און נאך בלייבן שטארק,
אפילו ס'איז שווער, ביטער און הארט.

און זינגען פלעגט ער, לידער געשמאק אין די נעכט,
די שבת'דיגע זמירות אזוי ווי זיין מאמע'ס געבעט.
און ס'פלעגן סאלדאטן שטיל קומען צו גיין,
שטיין און נישט קענען פארשטיין.
ווער איז ער אט, דער מאדנער טאדזשיק,
ער גיט אויף זיי גארנישט קיין בליק.

ווייל נישט פון די שלעכטע אפיצירן האט אלעזר געדענקט,
און נישט נאך די ווילדע ציוניסטן האט אלעזר געבענקט.
ער בענקט צו זיין משפחה צום ווארימען היים,
צום שפראך מיטן אידישן חן.
ער בענקט אין כולל וואו ער האט פארבראכט,
אין לערנען בייטאג און ביינאכט.

אמר רבא,
אמר רב פפא.
האט עס אביי גאר אנדערש באטראכט,
און האט א ראיה צו דעם געבראכט.
און מהרש"א, רשב"א, ריטב"א,
עס לויפן אדורך גיך א שעה נאך א שעה.
רמב"ם, רמב"ן, רבינו תם,
נישטא אין דער וועלט נאך קיין בעסערער טעם.
אמר רב הונא, רב סבא הממונא,
האט אויף דעם שמאי אמאל נאכגעקלאגט.
געקומען איז הלל און אנדערש געזאגט,
פארגעסן פון אלעס, פון גארנישט געזארגט.

אינדערפרי איז ער געזעסן אין זיין צימער, מיט מחשבות - "אלעזר",
און אסאך ציונים ארום אים.
פון זיין בענקשאפט, פון זיין ווייטאג, האט ער נישט געקענט פארגעסן - "אלעזר",
און ס'האט קיינמאל אויפגעהערט.

רופט זיך אן צו אים דער מפקד, דער פירער פון זיי אלע - "אלעזר",
איך וויל מיט דיר ריידן צו דער זאך.
קום אריבער אין פלוגה, זיי נארמאל אזוי ווי אלע - "אלעזר",
און דו וועסט פארדינען גאר אסאך.

דו וועסט האבן ווענטילאטארס, א שול, א חצר, צו זיך דרייען - "אלעזר",
און דו וועסט נישט שפירן אזוי שוואך.
טו זיך נאר אן די קליידער, מ'קען מיינען וואס וועט ווערן - "אלעזר",
דו קענסט דאס מאכן, ס'איז א גרינגע זאך.

אלעזר זיצט די קאפ געבויגן און רעדט נישט קיין ווארט,
ער איז יעצט אוועקגעפלויגן אין א ווייטן ווייטן ארט.
ער זעט זיין מאמע בענטשן ליכט, און זאגט א תחינה דערמיט,
"איי, היט מיין אלעזר'ן, באשעפער, ער זאל בלייבן דארט א איד."

אלעזר הויבט זיך אויף און רופט זיך הויך אן:
"איך בין א איד, און איך קען עס נישט טאן!"
מיין תורה ערלויבט מיר נישט זיין אין אן ארט,
וואס מטמא זיין אידן דאס איז זייער ווארט.

ס'האבן די רשעים א פלאן זיך געמאכט,
פייניגן און רודפ'ן בייטאג און ביינאכט.
מיט רשעות און אכזריות אן קיין ברעג,
און אויך פארלענגערן זיינע טעג.

שטיל דארט ביינאכט, אין צימער זיצט אלעזר אליין,
ער זיצט און ער טראכט און הויבט שוין אן אלעס פארשטיין.
אז זיי וועלן קומען צו אים אהער באלד,
און מאכן יסורים מיט געוואלד.
מען וועט אים צווינגען און מוטשען מיט פיין,
דאן וועט ער זייערער זיין.

ביי די זייטן טיפער אפגרונט, אויפ'ן קרבן גרייט,
אלעזר האט פאר זיי נישט מורא און זיין הארץ איז פול מיט פרייד.
נאר איין וועג עס האט די תורה און דאס איז דער וועג,
בעסער דא צעשמעטערט ווערן און פון תורה נישט אוועק.
נישטא קיין זאך וואס קען אפשרעקן דעם ערליכן איד,
אז ער גייט נאר אין ג-ט'ס וועגן, גייט ג-ט מיט אים און ער היט.

און אזוי האב איך ב"ה זוכה געווען צו ראטעווען אידן זאלן היטן שבת. פארוואס? ווייל ער האט פרובירט איינס אויפאמאל. אנשטאט זאגן "איך קען נישט אזויפיל", פרוביר וויפיל דו קענסט יא! און די זאך דארף יעדער איינער אריינגעמען ביי זיך אין קאפ. נישט טראכטן 'וויפיל איך האב נאך', פרוביר, פרוביר, און קוק וויפיל דו האסט שוין יא, און גיי ווייטער!

## פרוביר איין משנה אויפאמאל

וואס וויל איך אייך זאגן? אמאל איז דא א אינגל וואס טראכט צו זיך, א בחור'ל קלערט צו זיך, ער עפנט די גמרא, זיין רבי זאגט אים, "נו, הייב אן", זיין טאטע זאגט אים, "הייב אן חזר'ן די חומש". און ער טראכט: וואס וויל ער פון מיר? ער פארשטייט נישט אז ס'איז נישט פאר מיר? ער פארשטייט נישט אז איך קען נישט? איך האב א שוואכע קאפ, איך קען נישט. איך האב שוין פרובירט אזויפיל מאל, איך קען נישט. קוק וויפיל, א גאנצע בלאט גמרא. איך קען נישט קענען א גאנצע בלאט גמרא. און מ'דארף נאך ענדיגן ביז יו"ט דעם גאנצן פרק, איך קען נישט! און מ'דארף זיך נאך פארהערן בעל פה, איך קען נישט! אבער דער רבי זאגט אים, פרוביר, פרוביר, פרוביר. פרוביר קודם די משנה, פרוביר די משנה. צוביסלעך, צוביסלעך, ביז אינמיטן זעט ער: ער האט יא געקענט! ער קען די גאנצע משנה אויף אויסנווייניג! ער קען נאך א שטיקל, און נאך א שטיקל. אט קען ער די גאנצע בלאט גמרא! פארוואס? ווייל ער האט פרובירט. ער האט זיך נישט געלאזט פארנארן פון זיין יצר הרע. דער יצר הרע האט אים געזאגט, "פרוביר נישט, דו וועסט נישט קענען." אבער ער האט געזאגט פאר'ן יצר הרע, "ניין, איך פרוביר יא, און איך וועל בעז"ה יא קענען," און אזוי קען מען.

*

מיר האבן ב"ה זוכה געווען צו איבערדרייען די גאנצע מציאות דארט אין תפיסה, צו ליצנות מאכן פון דעם גאנצן עונש פון דעם אגף, פון דעם בידוד, וואס איז געווען א שרעקעדיגע זאך. און ס'איז טאקע געווען נאך ערליכע אידן וואס האבן זיך מצטרף געווען מיט אונז, און זענען געקומען זיין מיט אונז אין בידוד, א חשוב'ער אינגערמאן ארי' דרעי (נישט דער ח"כ...), און נאך אנדערע.

אין אנהויב ווען איך בין אריינגעקומען איז דער מצב געווען שווערער. איך האב נאך באמת געהרג'עט ווערן איידער ווי זיך מאבליזירן צום מיליטער. "לכלא ולא לצבא" - מיר זענען גרייט צו גיין אין טורמע איידער ווי אין מיליטער. ער האט נישט געוואוסט אז ס'וועט זיין אזויפיל טעג. אבער קודם טאנצט מען אריין, וואס דארף מען שוין איצט טראכטן וויפיל צייט ס'גייט זיין? און ס'האט זיך טאקע געצויגן פיר און א האלב חדשים, 132 טעג.

## מצוה גוררת מצוה

דאס איז געקומען ווייל ער האט זיך געשלאגן פאר די קברי ישראל מיט מסירות נפש. מ'איז געפארן מיט מסירות נפש; מ'איז געפארן פרי פארטאגס, און שפעטער אויפן ארט האט ער אויך געהאט מסירות נפש ביז מ'האט אים געקענט ארויסשלעפן. די פאליציאנטן האבן געדארפט נוצן שווערע כוחות אים ארויסצושלעפן. מ'קען זען אין די בילדער ווי מ'איז געקומען צולויפן אים ארויסצושלעפן. און טאקע די מצוה האט געברענגט דעם המשך, אז ס'האט זיך געקענט הערן אין דער גאנצער וועלט אז ס'זענען דא אידן וואס זענען גרייט צו זיצן אין טורמע, איינזאם אליינס אין בידוד, אבי נישט צו גיין אין מיליטער. און ער האט יעדן טאג געקענט אויסוועלן זיין ארויסצוגיין. (פון בידוד איז ער נישט ארויס כדי נישט נכשל צו ווערן אין אביזרהו דגילו עריות וואס איז דא אין די אפענע תפיסה.)

ס'ווערט געברענגט אין די גמ' אילמלי נגדוה לחנניה מישאל ועזריה, פלחו לצלמא - וואלט מען זיי געפייניגט וואלטן זיי זיך געבוקט צום צלם. מ'ברענגט פון אנדערע אז ס'איז נאך אסאך מער ווי אריינפאלן אין כבשן האש - אין קאלעך אויוון וואס איז איינמאל און פארטיג, אבער דא פייניגט מען כסדר.

## היכי דמי מסירת נפש

אין אנהויב איז די מסירות נפש געווען אסאך שטארקער ווי שפעטער. מ'האט נישט געלאזט אריינברענגען קיין וועש, אויך העמדער האבן זיי געזאגט קען מען נישט אריינברענגען וועגן די קנעפלעך... ביז זייערע נערוון האבן געפלאצט, ערגעץ ביי

# אודה ה' מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו

### הארציגע דברי שבח והודאה להשי"ת פון

# הרה"ר אברהם קויפמאן שליט"א

מנהל מוסדות "חומת יהושע"

### פאטער פונעם גיבור החיל הרב אלעזר צדוק קויפמאן שליט"א

געזאגט געווארן ביים גרויסארטיגן "סעודת הודאה" אין ביהמ"ד "אהל שרה"

## ויריצהו מן הבור: ארויסגעווארפן פון טורמע

"אודה ה' מאוד בפי ובתוך רבים אהללנו". מיר האבן צו דאנקען אויף עטליכע גרויסע זאכן. די ערשטע זאך, ב"ה מען האט אים ארויסגעווארפן פון טורמע. איך זאג עס טאקע מיט דעם אויסדרוק אז מ'האט אים ארויסגעווארפן, ווייל ס'איז טאקע געווען דער געפיל וואס זיי האבן אים געגעבן צו פילן. ווי ער דערציילט, בדרך כלל גייט מען ארויס אינדערפרי, ארום אכט-ניין אזייגער, און ס'איז פאראן דערפאר א געוויסער סדר וואס מ'דארף זיך צוגרייטן: די בגדים, די רענצלעך, אלע זאכן וואס מ'דארף ארויסנעמען. אין דעם פאל האט מען שוין אלעס צוגעגרייט א נאכט בעפאר, ווייל אינדערפרי מוז מען גלייך ארויסגיין.

ס'איז געקומען אינדערפרי, נאך פאר'ן עלות השחר, צוואנציג נאך פיר, וועקט מען אים אויף, "מ'דארף שוין גיין! מ'קען שוין נישט בלייבן." זאגט ער, "א רגע, איך דארף זיך נאך אנטון, איך דארף ארויסגיין א מינוט." ער איז אריין אין שטיבל, אריבער צען מינוט, מ'קלאפט אין טיר, "מען דארף שוין ארויסגיין!" האט ער געפרעגט "וואס איז דא געשען?" זאגן זיי, "אונטן איז דא א גרויסער עולם, ס'איז דא זייער אסאך אסירים וואס מ'דארף היינט ארויסלאזן, און מ'מוז אנהייבן פריער."

און עס האט זיך נישט דארט געענדיגט. געווענליך לאזט מען שטיין דעם באפרייטן ארעסטאנט, אינדרויסן פון די תפיסה, ער זאל זיך אן עצה געבן אנצוקומען וואו מ'דארף, אדער קומט מען אים אפנעמען. רבי אלעזר צדוק'ן האבן זיי אריינגעלייגט אין זייער מאשין, אראפגעפירט ביז דער באן סטאנציע אין דערנעבנדיגן שטאט נתניה, און דארט האבן זיי אים געגעבן א באן קארטל, זאגנדיג "נעם און פאר אהיים!" האט ער זיי געזאגט, "ס'זענען דא מענטשן וואסווארטן אויף מיר, זיי ווילן מיר אפנעמען", אבער זיי האבן געטענה'ט, "ס'איז נישטא קיין צייט, קיינער איז נישט דא. דו מוזט שוין גיין!"

זיי האבן זיך פארגעשטעלט, אדער אפשר האבן זיי באקומען א שטיקל ידיעה אז מיר ווילן אים קומען מקבל פנים זיין כראוי וכיאות, און עס וועט ארויסקומען אהין א גרויסער ציבור אים אפווארטן, האבן זיי עס פשוט נישט געקענט אויסהאלטן, און אים ארויסגעטריבן. ס'האט דערמאנט ווען פרעה האט ארויסגעטריבן די אידן פון מצרים, "כי גרשו ממצרים ולא יכלו להתמהמה". ס'איז געווען אזא מין סארט הרגשה.

## געבליבן שטארק און גאר שטערקער!

די צווייטע זאך אויף וואס מ'דארף דאנקען. ס'איז אויסגעקומען צו רעדן מיט מענטשן פון אלע ערטער, וועלכע האבן געדאגה'ט, "איז ער נאך נארמאל? איז ער בסדר?"

ווער ס'האט שוין אנגעיאגט צו רעדן מיט אים זינט ער איז ארויס קען מעיד זיין, אז ער איז ב"ה געבליבן אינגאנצן נארמאל! ער איז ב"ה געבליבן שטארק און געשטיגן בתורה ויראת שמים. דארט האט ער דאך געדאווענט אליין, וואו קיינער יאגט נישט, ס'איז נישטא קיינער וואס זאל מזרז זיין, האט ער געדאווענט כמונה מעות. ווען ער איז ארויסגעקומען, האט ער זיך אויסגעדרוקט: "ס'טוט זיך עפעס א יאגעניש ביים דאווענען, ס'איז א נייער צושטאנד" עכ"פ, ס'איז א גרויסע שמחה אז מ'איז געבליבן שטארק און גאר שטארקער.

## אלס שליח ציבור

ס'איז דא נאך א זאך אויף וואס מ'דארף דאנקען, אפשר נאך מער ווי די פריערדיגע, אז ב"ה ער האט זוכה געווען צו זיין א שליח ציבור, צו זיין דער וואס רופט אויס אין דער גאנצער וועלט מיט דער גאנצער שטארקייט "נמות ולא נתגייס" - מיר זענען גרייט צו

נישט געוואוסט וואס דער מצב איז אין די אנדערע אפטיילונגען. אבער פון טאג צו טאג, ווען איך האב אנגעהויבן הערן פון די שומרים וואס קומען אריין אכטונג געבן אויף די וואס זענען אין בידוד (זיי דארפן דאך האבן א ספעציעלע שמירה, זיי זענען דאך מסוכן...) און האבן אונז איבערגעגעבן וואס עס טוט זיך אין די אפענע תפיסה, האבן מיר געזען וואספארא בר מזל מיר זענען.

## עצת בלעם הרשע, רח"ל!

ס'איז א מערקווירדיגע זאך וואס מ'זעט דארט. ס'שטייט דארט א גאנצע תפיסה אנגעפאקט מיט בחורים, מער-ווייניגער זענען אלע בחורים, און אלעס איז מפקדות - פרויען. מ'קען נישט צושטעלן קיין מפקדים? ממש עצת בלעם הרשע!

בעצם וואלטן זיי געברענגט די מפקדות אויך אין בידוד, נאר וויבאלד דער בידוד איז בעצם אן עונש פאר די אלע וואס מאכן פראבלעמען אין די אפענע אפטיילונגען, מער-ווייניגער איז דאס מענטשן וואס קענען הייבן הענט, צי אנדערע אזעלכע סארט זאכן, אדער וואס פרובירן זיך נעמען דאס לעבן, איז קען מען נישט ברענגען פרויען פאר אזא צוועק, ס'וועט ווערן יום טוב אינדערוואכן, מוזן זיי ברענגען שווערערע חברה.

עס איז געווען מיט אונז דער יונגערמאן הרב ארי' דרעי, ער איז צוערשט געווען א פאר טעג אין דער אפענער אפטיילונג, ער האט אונז געזאגט אז דער מצב דארט איז ממש איום ונורא. זיי דרייען זיך צווישן די אויגן און זיי שרייען קולות. ס'איז ממש געפערליך.

ס'איז געווען נאך א בחור וואס איז דארט אנגעקומען און ער האט אויך געוואלט היטן די אויגן. געדענק איך אז אנהויב האבן זיי אים פרובירט צו איינרעדן, "מיר קענען פרובירן צו צושטעלן." אבער ער האט געשריגן: "איך בין גרייט צו שטארבן און פארברענט ווערן אויף קידוש השם!"

איך ווייס נישט וואס פון אים איז געווארן. ער האט באקומען עפעס א הוראה פון עמיצן אז ער זאל זיך לאזן מאבילּיזירן, השם ירחם. אבער דא רעדט מען פון א נשמה טהורה וואס איז געווען גרייט צו ליידן פאר קדושת העינים. ער איז געזעסן מיט אונז צוויי וואכן אין בידוד. דאס איז געווארן אזא מציאות נאר ווייל עס זענען געווען מענטשן וואס האבן געוויזן אז מ'קען דארט זיין, ס'איז נישט געפערליך, מ'קען עס

דריי-פיר וואכן, האבן זיי שוין מסכים געווען ארייננצולאזן. אבער די ערשטע פאר וואכן איז ער געבליבן מיט די זעלבע וועש!

אין די ערשטע תקופה האבן זיי אים אויך נישט געלאזט וואשן די וועש, שפעטער נאר צוביסלעכווייז. קודם האט ער אליין געדארפט וואשן די וועש אונטערן קראן, שפעטער האבן זיי שוין יא געברענגט א שיסל מיט זייף אז ער זאל קענען וואשן דערין.

זיי האבן זיך איינגערעדט אז ס'קומט אריין א יונגערמאן, ער ווייסט נאכנישט פונקט וואס דער בידוד איז, מ'וועט אים אביסל לערנען לקח און ער וועט שוין פארשטיין צי מ'קען דארט בלייבן אדער נישט. אבער זיי האבן זיך נישט געקענט אפוואונדערן וואס דא גייט פאר, דער אינגערמאן פארשטייט נישט...

מיר האבן טאקע נישט געשוויגן. מיט דער הילף פון דער בארימטער "ועד אסירי ציון" האט מען ב"ה דורכגעבראכן א געוואלד. סיי וועגן די וועש און סיי שפעטער ווען זיי האבן אים געפייניגט דורכן צובינדן זיינע הענט ווען ער האט נישט געוואלט מיטארבעטן מיט די חוקי סדום זייערע.

אין יענער צייט האט ער אויסגערופן, ער מיט די אנדערע, א פולקאמע ווידערשטאנד. מ'פאלגט זיי גארנישט, מ'ענטפערט נישט בכלל אויף זייערע רופן. ער האט זיך געפירט מיט זיי ווי א זאק קארטאפל.

די ערשטע תקופה האט מען אים נישט געלאזט רעדן אין טעלעפאן אין שטוב, מ'האט אים נישט געלאזט ארויסגיין שפאצירן. אויב ער וויל שפאצירן, איז דאס נאר אין די צייט וואס מ'דאווענט שחרית; שפעטער איז שוין נישט דא קיין צייט צו שפאצירן. אבער נאך וואס ער האט אויסגערופן אז ער פאלגט מער גארנישט, איז גאר געווארן פארקערט. מ'האט אים געגעבן צו רעדן אין שטוב, מ'האט אים געגעבן צו קלינגען דא און דארט. די אלע זאכן וואס לכאורה וואלטן אים שווערער געמאכט, אבער זיי האבן געזען אז ס'איז דא איינער פון די עם קשי עורף, וואס דו קענסט אים בינדן און קענסט מאכן וואס דו ווילסט, ער בלייבט מיט די גאנצע שטארקייט, איז אים גאר געווארן גרינגער.

## געבראכן די פחד

מיט דעם האט ער געבראכן דעם גאנצן פחד פון דעם בידוד. עס איז טאקע געווארן פול, לאו דוקא מיט ערליכע אידן... אבער ס'איז דא אסאך ערליכע אידן וואס זענען געזעסן דארטן, איינער הייסט אריה דרעי. (נישט דער וואס פארפירט אלעס...) אבער ס'איז דא איינער אן ערליכער, א ספרד'ישער אינגערמאן, ער איז געזעסן דארטן אין בידוד 51 טעג!!! פארדעם איז ער געזעסן 4 טעג ביי די אפענע אפטיילונג, אבער ווען ער האט געזען ווי געפערליך דארט איז, איז ער אריינגעקומען אין בידוד צוזאמען מיט ר' אלעזר צדוק.

ווי מ'האט דערמאנט, האב איך געזאגט איין נאמען, אבער ס'איז דא אסאך וואס זענען דארטן אריינגעקומען וואס האבן זיך אויסגעלערנט אז ס'איז נישט געפערליך. ס'זיצט דארט א בחור פון חב"ד, מ'האט אים לכתחילה גע'פסק'נט 15 טעג, און מ'האט אים געסטראשעט מיט נאך 90 טעג טאמער ער האלט אן ווייטער זיין ווידערשטאנד מיט עקשנות. למעשה איז ער בייגעשטאנען דעם נסיון און האט זיך נישט געבראכן. ווען זיי האבן גע'פסק'נט צוצולייגן 10 טעג, האט דער בחור געזאגט: "וואס? פאר 10 טעג גיי איך אוועקגעבן מיין עולם הבא? איך בלייב דא. איך גיי נישט ארויס!"

## לאז אפ דעם בער

די גיבורי החיל האבן אוועקגעשטעלט א וועג פארן יהדות החרדית. אלע זענען גרייט אז אויב די רשעים וועלן זיי ארעסטירן, איז דאס ביי זיי כאילו זיי האבן געוואונען א לאטערי.

ס'איז דא אזא סארט ווערטל: איינער האט זיך ארומגענומען מיט א בער, און ער האט געשריגן אז מען זאל אים ראטעווען. פרעגט מען אים, "דו האסט געכאפט א בער, וואס איז די פראבלעם?" זאגט ער, "איר זאגט לאז אים אפ, אבער דער בער לאזט מיר נישט אפ."

זיי האבן זיך לכתחילה געטראכט צו ארייננכאפן די 3 יונגעלייט, אבער דער אויבערשטער האט געהאלפן אז זיי האבן געכאפט די ריכטיגע... און זיי האבן געזען אז ס'איז נישט אזוי פשוט צו כאפן אלע די מענטשן. ס'איז ווייל מיט א מדינה קען מען זיך טאקע נישט אנהייבן, אבער מיט מסירות נפש קען מען אלעס ברעכן.

## א פטור צוליב שלעכטע אויפפירונג!

נאך וואס מען האט ארעסטירט ר' אלעזר צדוק, האט זיך אנגעהויבן א געטומל אויב ער זאל יא מאכן א פטור אז ער איז משוגע, ווי מען פלעגט מאכן אלע יארן, אדער נישט. ס'איז געווען געוויסע וואס האבן געמוטשעט אז ער זאל עס נישט מאכן. אבער למעשה, די אנדערע צוויי וואס זענען געזעסן מיט אים צוזאמען, האבן געפרעגט די רבנים וועמען זיי האבן געפרעגט. איך האב דעמאלט געפרעגט הגאון ר' דוד שמידל שליט"א, און ער האט געגעבן זיין דעת תורה אז מ'זאל גיין מיט דעם מהלך. אויך די אנדערע רבנים האבן געזאגט אזוי צו טאן.

למעשה האט ער פרובירט אפאר מאל, און יעדעס מאל האט אויסגעזען אז ער גייט שוין ארויסגיין. אבער דער מסבב כל הסיבות האט געוואלט אז זאל עס אדורכברעכן ביז'ן סוף.

ענדליך האבן די רשעים טאקע צוגעשטימט אז ער קען נישט גיין אין מיליטער צוליב זיין "התנהגות רעה וחמורה", דאס מיינט: ער איז נישט פאסיג פאר דעם פלאץ, ער פירט זיך אויף שלעכט. נישט ווייל ער איז משוגע, נישט ווייל ער איז קראנק אדער האט אנדערע שוועריגקייטן, נאר ער איז נישט פאסיג פאר אונז! נישט יעדן איינעם גיט מען עס. ס'איז געווען שווער, ער איז געזעסן לענגער, ער איז אנגעקומען צו הונדערט צוויי-און-דרייסיג טעג, אבער ווען מ'שטייט שוין נאכדעם איז ער שוין נישט מוותר דערויף. ער האט זוכה געווען צו אויסצורופן פאר דער וועלט: את וכלבא שוין! נישט נאר אלס מליצה. ד.מ. זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון זיי, זיי זענען פשוט א זאק קארטאפל, גארנישט מיט גארנישט!

## אין זכות פון דעם ציבור און די געטרייע עסקנים

איז אויף די אלע זאכן דאנקען מיר. מ'דאנקט אויך דעם ציבור וואס איז ארויסגעפארן איינמאל און נאכאמאל, מוחה צו זיין פארנט פון די תפיסה, צוגעשטעלט שטיצע פאר די משפחה, און גאנץ כלל ישראל וואס האט אזויפיל געדאוונט, און ב"ה, בזכות פון די אלע תפילות האט דער אויבערשטער געהאלפן אז ער איז שוין באפרייט, שלם בגופו, שלם בתורתו!

אויך איז דא דער פלאץ צו באדאנקען הרב ר' שמואל ווייספיש שליט"א, און ר' אשר פריימאן שליט"א, און דעם גאנצן "ועד אסירי ציון" וועלכע האבן אונז באגלייט פון די ערשטע מינוט און ווייטער די גאנצע צייט. ס'איז נישט נאר די געריכטן צו צאלן דעם אדוואקאט, ס'איז די פארן צו די משפטים, ארייננטראגן אן אתרוג, ד' מינים, ארייננטראגן א שופר, אפילו די סימנים אויף ראש השנה, וכו' וכו'. יעדן פרט, אלץ האט מען באגלייט.

אזוי אויך הרב בנימין טעפ שליט"א מיט הרב אשר זעליג מרגליות שליט"א פון "הצלה לאחים", ווי אויך הרב יואל מינצבערג שליט"א פון מרכז הצלה, דער פאטער פונעם צווייטן גיבור החיל ואסיר ציון ר' דוד מנחם שליט"א.

אזוי אויך די אנדערע ארגאניזאציעס וואס האבן געהאלפן, צי מיט געלט ביי די הפגנות צי מיט אנדערע הילף. די חשובע ארגאניזאציעס 'אחים אנחנו', 'מלבוש ישע' פון די 'גיבורי חיל', 'קרן ויואל משה', און נאך חשוב'ע עסקנים וועלכע האבן ממש גערוקט וועלט צו קענען אנקומען צום יעצטיגן מאמענט. דער אויבערשטער זאל טאקע העלפן די אלע הייליגע עסקנים, זיי זאלן קענען מפרסם זיין כבוד שמים בעולם, און מ'זאל מער נישט האבן די שוועריגקייטן.

דער אויבערשטער זאל העלפן, ס'זאל שוין זיין "ותעביר ממשלת זדון מן הארץ", "ותמלוך עלינו אתה ה' לבדך", ס'זאל נתגלה ווערן כבוד שמים במהרה בימינו, אמן.

אויסהאלטן, מ'קען עס אריבערגיין. ענדע האט ער זיך פארבונדן מיט "הצלה לאחים" און עס זעט אויס אז ער וועט בקרוב ערהאלטן א פטור, בעז"ה.

ס'איז אויך געווען א חב"ד'סקער בחור, וואס ער אליין - א פלא פון א בחור - מיט א מורא'דיגע שטארקייט. מ'האט אים געסטראשעט אז מ'גייט אים צולייגן טעג. יעצט אויף די רגע האקט מען אים אפ ער זאל נישט קענען טרעפן ח"ו קיין פרומער איד, ער זאל זיך נישט קענען מחזק זיין. עכ"פ, עס איז מיר איינמאל אויסגעקומען צו זיצן נעבן אים אין חצר, האט ער מיר געזאגט אז ער האט זיי געזאגט ביים משפט וואו מ'האט אים גערופן צו צולייגן די טעג, האט ער זיי געזאגט אז זיין רבי דער מהריי"ץ איז געווען אין רוסלאנד, האט מען ארויסגענומען אנטקעגן אים א שיסער, האט ער זיי געזאגט "אייערע טשאטשקאלאך דארט דערשרעקן מיך נישט". האט דער בחור זיי געזאגט "אייערע משפטים דערשרעקן מיך נישט, עס אינטערעסירט מיר נישט די אלע זאכן". ער האט א געוואלדיגע שטארקייט, א מורא'דיגע שטאלץ, ער זינגט ארויס פון זיין צימער "השם הוא מלכנו".

## ומלאך רע בעל כרחו יענה אמן!

מ'האט ב"ה אויך מצליח געווען צו מאכן דארט אין תפיסה א בחינה פון "הכל נברא בשבילי", א שינוי אין אלע סדרים. אלעס האט זיך איבערגעדרייט. אין אנהייב האבן זיי פרובירט אונז צו צוברעכן, זיי האבן נישט אריינגעלאזט קיין קליידער, שפעטער האט מען מצליח געווען אריינצונעמען קליידער. פארשטייט זיך, ווען זיי האבן געברענגט די קליידער איז עס געווען נאך וואס ס'איז אריבערגעגאנגען אפאר וואכן וואס מ'האט נישט געקענט אויסהאלטן, ס'האט געשמעקט. די מענטשן וואס זענען געווען אין דעם צימער האבן געשריגן אז זיי קענען עס שוין נישט אויסהאלטן, ביז ס'איז געקומען צו א מצב אז די אפיצירן, די קלענערע וואס דרייען זיך ארום, האבן שוין אויך נישט געקענט אויסהאלטן. האבן זיי געשריגן פאר די גרעסערע אז ס'איז שוין איום ונורא, האבן זיי שוין געברענגט די קליידער. און זיי האבן געזאגט "איר זענט נידעריגע מענטשן, שמוציגע מענטשן, איר טראכט נישט פון אייך, פון אייער ריינקייט. מיר וועלן דאגה'ן פאר אייך, מיר וועלן אייך ברענגען קליידער צו אנטון..." אזוי ווי די דייטשן ימ"ש האבן געזאגט פאר די אידן ביי דער וועלט מלחמה.

שפעטער האט זיך אנגעהויבן א מערכה וואו מען גייט וואשן די קליידער. קודם האב איך געוואשן אליינס אונטערן קראן, שפעטער האבן זיי מיר געברענגט א שיסל מיט זייף צו וואשן, זאג איך, "איך קען נישט אזוי וואשן". צום סוף האט מען גענומען די קליידער צו א פלאץ וואו מ'וואשט דאס, אבער פארשטייט זיך אז זיי האבן חרוב געמאכט אלע קליידער.

אזוי אויך די נושא פון 'עסן' איז געווארן נאכאנאנד גרינגער, אזוי אז ווען ר' אהרן ראטה איז אריינגעקומען, האט ער שוין נישט געדארפט אריבערגיין די אלע זאכן. פארשטייט זיך אז ס'איז נישט געווען גרינג, אבער גאר אסאך זאכן האט מען שוין מצליח געווען צו ברעכן. די נושא פון די קליידער איז אפילו אנגעקומען צו א מצב אז איך האב געקענט גיין מיט מיין שבת'דיגן קאפטן. דער ברייטער גארטל נישט, ווייל מ'לאזט נישט אריין קיין ברייטן שאל אין אגף, מורא האבנדיג טאמער מ'וועט זיך ח"ו וועלן נעמען דעם לעבן דערמיט... אבער מ'האט געבראכן דארט א וועלט.

*

פארשטייט זיך, די אלע כוחות צו קענען אריבערגיין אזא תקופה דארף מען האבן שטארקע שרשים, ווען מ'האט אזא זיידע מיט אזא טאטע. בפרט די אלע תפילות וואס כלל ישראל האט געדאוונט און איינגעריסן וועלטן פאר מיר. די פילע מחאות האבן אונז גאר שטארק מחזק געווען נאכאנאנד, די גרוסן זענען אריינגעקומען צו מיר, די אדוואקאטן האבן מיר אפילו געוויזן בילדער. איך האב געזען די מסירות נפש פון די טייערע אידן וואס האבן זיך ארויסגעשלעפט אין די פארטאגס שעות. פון דאס אלעס האב איך באקומען חיזוק אויף א מורא'דיגן אופן. דאס אריינשיקן אין שטוב די שטיצע מיט אזא געטריישאפט, אויך אין ווייבער שול, די בריוון, די אלע מתנות נאכאנאנד, די געלטער, די עצרות תפילה וואס איך האב געהערט אז מ'האט געמאכט פאר מיר אין די שולן און אין די תלמודי תורה - דאס האט געגעבן א מורא'דיגע צו קענען אריבערגיין די גאנצע זאך מיט א שטארקייט.



## ה' עמכם גיבורי החיל!

איבער דעם גיבור חיל ר' אהרן ראטה, וויל איך ארויסברענגען נאך א נקודה. די מסירות נפש וואס ער גייט יעצט אריבער איז אין סאך א העכערע בחינה ווי אונז זענען אריבער. מיר האט מען איינגעזעצט צוזאמען מיט נאך צוויי חברים, מיר האבן זיך נאכאנאנד געשטארקט צוזאמען, זיך מחזק געווען אינאיינעם. אפילו ווען ר' דוד מנחם מינצבערג איז ארויס, בין איך נאך געבליבן מיט ר' ארי' מרדכי ראבינאוויטש, און ר' אהרן ראטה איז שוין דאן אונטערגעקומען. ווען ר' ארי' מרדכי איז ארויס, בין איך נאך געבליבן מיט ר' אהרן ראטה. איך האב נאך אפילו זוכה געווען צו זיין צוזאמען מיט אים אין איין צימער א וואך צייט. איך האב געפילט ממש ווי אין בית המדרש.

יעצט איז ער געבליבן אין א געוויסן מצב, ער איז געבליבן א בודד וואס שטייט אליין אויפן פראנט, און ער דארף חיזוק. דער ציבור מוז זיך אונטערגארטלען, סיי מיט מחאות, סיי איינרייסן וועלטן פאר אים, ער זאל באפרייט ווערן אינגיכן.

*

איך וויל באדאנקען פון טיפעניש פון הארצן אלע חשוב'ע אידן וואס האבן איינגעריסן הימלען פאר מיר, די אלע צייטן וואס איך בין געזעסן אין תפיסה. ס'איז מיר געווען אסאך מאל אינמיטן שווער, איך האב געפילט אז ס'איז "באו מים עד נפש". אבער ווען איך האב גערעדט אויפן טעלעפאן מיט מיין טאטע און ער האט מיר געזאגט, "אידן דאווענען פאר דיר", איז מיר ממש גרינגער געווארן. איך האב געפילט אז מ'שטייט אונטער מיר. מ'דאווענט פאר מיר. און דער אויבערשטער האט אנגענומען די אלע תפילות אז איך זאל עס קענען אריבערגיין.

דער אויבערשטער זאל העלפן אז אלע זאלן זען אסאך ערליך אידיש נחת, קינדער און אייניקלעך וואס גייען אין די וועגן פון די עלטערן, און מיר זאלן זוכה זיין צו מקדש זיין שם שמים, בביטול הקליפה הציונות ומלכות הרשעה, און ביטול גזירת הגיוס, בביאת משיח צדקינו במהרה בימינו, אמן.







# עסקני 'הצלה מגיוס' - בשליחות כ"ק אדמו"ר שליט"א - גערייזט קיין ארה"ק

## לחזק ולעודד די 36 ארבעטער - ל"ו צדיקים - פון 'קרן ויואל משה' הצלה מגיוס



עסקני הצלה מגיוס פון ארה"ב בביתו נאוה קודש ביים אפנעמען ברכת הקודש פון ראש גולת אריאל כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א וועלכע שטייען אויפן פראנט צו באקעמפן די גזירות שמד בארה"ק



ראשי עסקנים אין שפיץ פון מו"ה משה שווארץ שליט"א ביים מיטהאלטן די געטרייע באגלייטונג פאר בחורים פון אלע קרייזן להציל אותו מידם להשיבו אל אביו



איינס פון די גרעסערע אסיפות אין די אפיסעס פון 'הצלה מגיוס' וואו מען גיבט קלארע געניטע אנווייזונגען זיך ארויסצודרייען פון זייערע טמא'נע נעגל



איינס פון די ווירבלענדע אפיסעס פון קרן ויואל משה 'הצלה מגיוס' - די איינציגע וועלכע זארגן פאר אונזערע ברודער מכל חוגים ושבטים



ראשי עסקני 'הצלה מגיוס' ביים הערן א ערשטהאנטיגע באריכט פון א קאמפליצירטע קעיס וואו הצלה מגיוס קעמפט העלדיש אויף אלע פראנטן



שלוחי כלל ישראל ביים אפרייזן מיטצולעבן די עבודת הקודש פון 36 איינגעשטעלטע אינערהאלב די אפיסעס פון הצלה מגיוס ובפרט די הויכפונקט די ערשטמאליגע שבת התאחדות פון אלע עסקנים



# כ"א כסלו, א יום טוב פאר "דער וועלט"

סיני טייטלבוים

## פארוואָרט:

פאראן א באוואוסטע לעגענדע (א געשיכטע אן א מקור וואס מוז נישט זיין אמת) אז דער הייליגער דברי חיים האט געוואלט נעמען דעם גרויסן עילוי און דעם שפעטערדיגן "אבני נזר" פאר אן איידעם, האט ער אים פארהערט. נאכ'ן פארהערן איינמאל, האט דער הייליגער דברי חיים אים געוואלט פארהערן נאכאמאל. האט דער בחור געזאגט: "אויב גייט איר מיר פארהערן נאכאמאל, וויל איך אייך אויך פארהערן..."

פרעגט אים דער צאנזער רב: "וואו איז געהערט געווארן אז אן איידעם פארהערט א שווער?" ענטפערט דער בחור'ל - צי גאר דאס יונגעל - "פארוואס פארהערט א שווער אן איידעם, ווייל מען דארף חתונה מאכן די טאכטער מיט א תלמיד חכם, ממילא וויל מען זען צי ער איז א תלמיד חכם. אבער פונקט אזוי דארף מען דאך חתונה האבן מיט א בת תלמיד חכם, נאר מען פארלאזט זיך אויפ'ן שווער'ס שווער אז ער האט אים מסתמא פארהערט. אבער אויב פארלאזט מען זיך נישט אויף איין פארהער, דאן מוז איך אויך אליין פארהערן, ווייל איין פארהער איז נישט גענוג..."

גייט די לעגענדע אז דער הייליגער דברי חיים האט דאן געזאגט אז ער איז צו שארף און האט אים נישט גענומען פאר אן איידעם.

די געשיכטע האט אמאל דערציילט א פוילישער רבי פאר רביה"ק זי"ע און דער רבי האט עס נישט געוואלט אפקויפן. דער רבי האט געזאגט אז די געשיכטע איז שקר. לא היה מעולם; חס מלהזכיר צו ארויפלייגן אזא געשיכטע אויפ'ן אבני נזר! יענער רבי האט זיך אנגעהויבן טענה'ן אז עס איז יא אמת ווייל ער האט עס 'אליין' געהערט פון זיין טאטן וואס זיין טאטע האט עס 'אליין' געהערט מפי עבד ומפי שפחה ביז למעלה בקודש...

האט דער רבי אים געזאגט, "וואס טענה'ט איר צוריק, איך וויל דאך אז מען זאל ח"ו נישט זאגן אז דער אבני נזר איז באגאנגען א חוצפה נוראה און אן עזות שאין כדוגמתו קעגן הייליגן צאנזער רב וואס האט געשאקלט די גאנצע וועלט, קומט איר זיך גאר טענה'ן אז די מעשה איז יא אמת?..."[1]

כלפי מה דברים אמורים: א שטיק צייט צוריק האב איך מיך באגעגנט מיט א שריפט וואו א נישט-סאטמארער חסיד שרייבט עפעס נאך וואס הרה"ק מסקווירא זצ"ל האט געזאלט זאגן נאך שבת שקלים שנת תשכ"ח ווען רביה"ק איז אוועקגעפאלן. קודם ברענגט יענער נאך איין ווערסיע וואס כ"ק אדמו"ר מראכמיסטריווקא זצ"ל האט געזאגט וואס דער שווער האט אים דאן געזאגט. וז"ל:

"שבת שקלים תשכ"ח איז דער סאַטמאַרער רב זצוק"ל ליידער נישט געזונט געוואָרן, און ער האָט געכאַפּט דעם שווערן סטראָוק. אין יענער תקופה איז אויך דער שווער זצוק"ל ליידער געווען שטאַרק נישט געזונט.

"עס איז געווען עטליכע (פונקט זעקס) וואָכן בעפאר זיין הסתלקות ביום ב' ניסן תשכ"ח. איך בין דעמאָלט געווען זייער דערשראָקן, און איך האָב געפרעגט דעם שווער (הרה"ק מסקווירא זצוק"ל): וואָס וועט זיין מיט דער וועלט? דער שווער איז אַזוי שטאַרק נישט געזונט, און דער סאַטמאַרער רב דאַרף אַזאַ גרויסע ישועה. וואָס וועט דאָ זיין?

"האָט כ"ק דער שווער מיר געענטפערט כהאי לישנא: 'דער סאַטמאַרער רב וועט זיך נאָך אַרויסדרייען, ווייל די וועלט דאַרף אים האָבן'. וכך הוה, דער סאַטמאַרער רב זצוק"ל איז צוביסלעך געקומען צו די כוחות. דער שווער זצוק"ל אָבער איז ליידער נסתלק געוואָרן נאָך עטליכע וואָכן."

אָבער דער יעניגער שרייבער איז נישט צופרידן געווען אַז דער סקווערער רבי זצ"ל זאל האבן געזאגט אזאנע ווערטער אז "די וועלט" ברויך האבן דעם סאטמארער רב, ברענגט ער א צווייטע ווערסיע פון אן אדם חשוב און א פערזענליכקייט, וואס דאס איז שוין פיל מער לויט זיין געשמאק... עס ליינט זיך אזוי: ר' ... שליט"א האט דערציילט: "איך האב געהערט פון גבאי'ן ר' יושע פרידמאן ז"ל, אז ווען דער סאטמארער רב זי"ע איז נישט געזונט געווארן, איז דער רבי זצוק"ל געווען זייער צעקאכט, זאגנדיג: 'זיין עולם' דארף אים האבן."

איר זעט זיכער דעם חילוק צווישן די צוויי ווערסיעס און די אגענדע אין וואס יענער וויל מיר ארייינציען. איך האב מיך נישט געפוילט און איך האב יענעם שרייבער אפגעשריבן א גאנצן אריכות פון א מאמר, וואס יענער האט - פארשטייט זיך - נישט פארעפנטליכט. יענער האט איינגענומען א שווייגעניש, ווי א געכאפטער נאך א גניבה שטיקל. ער האט אפנים נישט געוואלט אז זיין אגענדע זאל געכאפט ווערן אזוי רויט-האנטיג. ער האט געוואלט שפילן א טאמעוואטע שפיל כאילו ער איז רעכטפארטיג; באלאנסירט; אז ער ברענגט ביידע ווערסיעס און זאל דער ליינער אויסוועלן וואס ער וויל אפקויפן און גלייבן, און בעיקר ווייטער פארקויפן.

עס יאוועט זיך היינט אומעטום יונגע שרייבערלעך וואס מיינען אז היסטאריע קען מען ארומדרייען לויט'ן געשמאק און די ליינער קען מען ארומ'חוש'ן מיט פאלשע

---

[1] דער מקור צו די געשיכטע פונעם אבני נזר מיט'ן דברי חיים ווערט אין פילע פלעצער צוגעצייכנט צו א ספר "אביר הרועים" וואס איז ערשינען נאך אין די תר"צ יארן פון תולדות אויפ'ן אבני נזר ובנו השם משמואל. אבער נאכקוקנדיג אינעם ספר, ווייזט זיך ארויס אז דאס איז אויך א שקר. דארט ווערט טאקע דערמאנט אז דער דברי חיים האט געוואלט נעמען דעם אבני נזר פאר אן איידעם און ער האט מיט אים גערעדט אין לערנען, אבער אווארט ווערט דארט נישט ערוועהנט איבער דאס נאכאמאל פארהערן און זיכער נישט איבער'ן אבני נזר'ס מכלומר'שטע וועלן פארהערן דעם הייליגן דברי חיים.

געשיכטעלעך צי מיט אגענדעס וואס דארפן ערפולט ווערן. נאכמער, צומאל ווילן חסידים נעמען אן אייגענעם רבי'ן און ווארפן הונטערן באס - אן אמעריקאנער אויסדרוק וואס דארף ארויסברענגען, וואס מענטשן זענען אלץ גרייט צו טון מיט די בעסטע פריינט, אויב לוינט עס איצט בעסער.

דער סקווערער רבי זי"ע, איז געווען א פארצייטישער סארט הייליגער איד, וואס הונדערטער אידן האבן נאך דער ביטערער וועלט'ס קריג געטראפן אין אים זייער טרייסט און זענען דורך אים מחוזק געווארן אויפצושטעלן בתים נאמנים לה' ולתורתו. אמת, עס איז געווען צומאל אז רביה"ק האט געהאט טענות אויפ'ן סקווערער רבי'ן - טאקע ווייל ער איז געווען א צדיק און א קדוש - הלמאי ער שטייט נישט מער מיט צו דער ביטערער מלחמה קעגן די מנאצי ה', די ציונים וואס האבן אויפגעשטעלט א מדינה בעפאר די צייט און אויסגע'שמד'ט א גרויס חלק פון כלל ישראל.

אבער צו קומען באלד זעכציג יאר נאך דעם סקווערער רבי'נס פטירה און שרייבן אז אין זיינע לעצטע טעג אויף דער וועלט - האט ער מיט געקונצלטע רייד ארויסגעברענגט אז דער סאטמארער רב איז בלויז וויכטיג פאר "זיין ציבור"; כאילו דער סקווערער רבי האט געהאלטן אז דער סאטמארער רב איז עפעס א רעוועלע אין א בארא פארקער שול'כל, איז שוין פאלג מיך א גאנג. עס איז אויסער א פאלשע היסטאריע, אויך א חוצפה נוראה קעגן דעם סקווערער רבי'ן זצ"ל וואס דארף אפגעענטפערט ווערן, און איבער אלעם: גאר קינדיש און נאריש.

*

לכבוד דעם סאטמארער יו"ט פון כ"א כסלו וועל איך אראפברענגען דעם פולן מאמר, אז די חשוב'ע און אינטעליגענטע "וואכנשריפט" ליינער זאלן אויך קענען ליינען וואס איך האב יענעם געשריבן, און זאלט איר אויך ארויסהאבן וואס יענער האט געוואלט און וואס די מענטשהייט איז אלץ גרייט צו טון פאר אגענדעס.

ובזה החלי:

# דער סאטמארער רב לעבט!

איז אזוי. איידער איך נעם מיך צו די ווערטער וואס דער סקווערער רבי זצ"ל האט פונקטליך געזאגט ווען דער סאטמארער רבי איז ל"ע אוועקגעפאלן תשכ"ח - 6 וואכן בעפאר דער פטירה פון סקווערער רבי'ן - וועל איך אייך אראפלייגן בלויז מיין פערספעקטיוו אויף דער נושא וואס הייסט "דער סאטמארער רבי זי"ע", און נאכדעם וועל איך צוריקקומען צו דער נושא איבער וואס עס האט מיך געברענגט אראפזעצן אייך צו שרייבן.

אין הייליגן סאטמארער רבי'ן מוז מען זיך טיף דערגרינטעווען איבער ווער ער איז געווען און וואס ער איז געווען; פארוואס איז יעדער און אלעס פארנומען מיט אים, אזש עס איז נישט שייך צו רעדן מיט א איד וואס איז שוין געווען אן ערוואקסענער מענטש אין יאר תשכ"ח אז ער זאל נישט גלייך פארקירעווען - סיי וועלכן שמועס - צום סאטמארער רבי'ן.

עס דערמאנט אן אינטערעסאנטן דערהער וואס דער גרויסער גאון וצדיק רבי וועלוועלע בריסקער זצ"ל פלעגט זאגן אז ווײלנדיג אין קרעניץ, פוילן - וואו ער פלעגט זיך אויפהאלטן אויף קור, בעפאר דער צווייטער קריג, יעדן זומער - האט ער געזען דארט אז דער צאנזער רב לעבט נאך! דארט אין גאליציע האט מען אזוי גערעדט פון הייליגן צאנזער רב זי"ע, אז עס האט נישט אויסגעקוקט אז מען רעדט פון א צדיק וואס לעבט שוין נישט זעכציג יאר!

לעניננו: דא לעבט שוין נישט דער רבי העכער 45 יאר און מען לעבט מיט אים. עס הערן נישט אויף צו ערשיינען וועכנטליך פערזענליכע זכרונות וואס עלטערע און מיטל-יעריגע אידן דערציילן פון רבי'ן. מען פילעוועט אין זיינע תורות, עס קומען כסדר ארויס פרישע ספרים און פרישע תורות; יונגעלייטלעך וועמענ'ס טאטעס הייסן שוין נאכ'ן רבי'ן, שמועסן איבער דעם 'לשון קדשו', אז עס איז אין דער זעלבער בחינה וואס דער בריסקער רב האט געזאגט איבער'ן הייליגן דברי חיים: דער סאטמארער רב לעבט! קען מען דאך נישט זאגן אז דא רעדט מען פון עפעס א דורכשניטליכער רבי ווי אלע רבי'ס.

נו, אויב אזוי, אז ער איז יא געווען עפעס אויסערגעווענליך, מוז מען זיך מתבונן זיין און אדורכטון מיט א טיפקייט, ווער ער איז געווען און איבער וועמען מען שמועסט דא.

## א ספעציעלע יצירה

דער סאטמארער רב איז געווען דער סאמע בעסטער מענטש אויף דער וועלט. ער איז געווען אזא מזג טוב, אז אזא הארץ האט כלל ישראל נישט געהאט צופיל. ער איז געווען רך כקנה און האט זיך געקענט אראפלאזן צום קלענסטן מענטש. יעדער נצרך וואס האט סיי וואס געדארפט, א שמייכל, א גוטווארט, א פינקל מיט די אויגן, און אפגערעדט פינאנציעלע שטיצע, האט געוואוסט אז אויף בעדפארד עוועניו קארנער קליימער סטריט וואוינט דער איד וואס וועט אלעס אין דער וועלט פון זיך אוועקגעבן פאר סיי וועלכן איד, און מען וועט דארט נישט פרעגן וואו ער געהערט זיך אן און ביי וועלכן רב צי רבי'ן ער דאווענט.

עס זענען געווען אין אלע דורות צדיקים, קדושים וטהורים, גאונים און למדנים, בעלי פלפול וחריפים און בעלי בקיאות, בעלי צדקה און גומלי חסדים, משתתפי בצערי ישראל ומשתתפי בשמחתן, פוסקים און מחברי ספרים, גרויסע מרביצי תורה און בונים עולמות של תורה, מקנאי קנאת ה' ולוחמי מלחמת ה', ריזיגע בעלי צדקה וואס האבן נישט געלאזט א פרוטה איבערנעכטיגן ביי זיך. אבער איין צדיק זאל כולל זיין די אלע מעלות און מידות איז געווען בלויז גאר זעלטענע גדולים ובעלי שם וואס זייער נאמען האט דערגרייכט אין דער גאנצער וועלט און זיי זענען פארבליבן און וועלן ווייטער פארבלייבן אלס איינער אין וועמען אלעס קאכט זיך, ביז ימות המשיח. אזא סארט צדיק האט ארויסגעשטארט אין יענעם דור אלס דער צדיק הדורות. אין די לעצטע דריי הונדערט יאר זענען געווען פון די זעלטענע סארט, דער הייליגער נודע ביהודה, דער בעל שם הקדוש ותלמידו דער גרויסער מגיד, דער הייליגער רבי ר' אלימלך, דער הייליגער לובלינער, דער הייליגער חתם סופר, דער הייליגער דברי חיים וואס כאטש זיי אלע האבן געלעבט אין צייטן ווען עס זענען געווען אנדערע געוואלדיגע צדיקים וקדושים וואס מיר האבן אפילו נישט א השגה במעלות קדושתם, דאך האבן די אויבנדערמאנטע באקומען פון הימל עפעס א ספעציעלקייט וואס האט זיי געמאכט אויסערארדנטליך.

אין דער נישט ווייטער פארגאנגענהייט איז געווען אזא סארט צדיק וואס האט געהייסן דער סאטמארער רבי, רבינו הקדוש מרן רבי יואל טייטלבוים זי"ע.

(במאמר המוסגר. עס איז ווי דער הייליגער שינאווער רב האט געזאגט ביים הספד אויף זיין טאטן, דער הייליגער דברי חיים, אז עס קען זיין אז עס איז דא נאך אזא ת"ח ווי דער טאטע, אזא בעל צדקה ווי דער טאטע און אזא בעל עבודה ווי דער טאטע, אבער איינער זאל פארקערפערן אין זיך די אלע דריי עמודי עולם, האט ער נישט געזען נאר ביים הייליגן טאטן. ביי דער לויה פון הייליגן רבי'ן כ"ו אב תשל"ט האט רבינו הברך משה זצ"ל נאכגעזאגט ביים הספד דאס ווארט פון שינאווער רב זי"ע און צוגעלייגט נאכמער, אז אויף דודו הקדוש קען מען אפילו נישט זאגן אז עס איז דא נאך אזא ת"ח צי אזא סארט בעל עבודה אדער אזא בעל צדקה ווי דער פעטער איז געווען. כ"ש וכ"ש איינער וואס האט אלע דריי קאמבינירט אויף אזא פארנעם.)

דער אויבערשטער האט באשאפן א ספעציעלע יצירה מתחת כסא הכבוד און האט געשאנקען דעם רבי'ן מיט אזאנע מעלות וואס עס איז נישט געווען זיינ'ס גלייכן בדורו. דאס איז אויסער די תורה וואס אויף דעם האט זיך דער רבי געמוזט פלאגן און הארעווען ווי יעדער איד און ווי יעדער ת"ח וגאון, ווייל די תורה פליעט נישט אריין ביי קיינעם אין קאפ, אבער זיין תורה איז געווען מתברכת ומשתמרת. ער האט מחדש געווען חידושי תורות וואס זענען געווען יחיד במינו. עס האט נישט געלעבט בדורו - און זיכער נישט בדורינו - נאך אזא סארט זאגער. וויאזוי מען זאל נאר קוקן אויפ'ן רבי'ן, איז נישט שייך אוועקצוקוקן פון זיין העכערן כח אין מחדש זיין תורות און דרשות.

זיין כח אין תפילה און אין נגינה איז געווען עפעס וואס אנדערע צדיקים אין זיין דור האבן נישט געמוזט האבן. זיין כח צו מעורר זיין אידן לתשובה אמיתית און ברענגען אידן צו וויינען מיט שטארקע בכיות בלויז פון זען זיין הייליגע צורה, איז געווען אומגלויבליך. ווי נאר ער האט זיך אויפגעשטעלט כלפי העם הנאספים ביי די תקיעת שופר און כל נדרי דרשות, נאך איידער ער האט ארויסגעזאגט א ווארט, האט דער ציבור בלויז פון קוקן אויף זיין הייליגע פארכטיגע צורה אויסגעבראכן אין היסטערישע געוויינערייען. דאס איז געווען א ספעציעלקייט זיינער.

זיין גמילת חסדים איז דאך געוויס מפורסם ביי אלעמען. דער צדיק האט פארטיילט אלעס וואס ער האט פארמאגט פאר אנדערע אידן, אזש ער האט קיינמאל נישט פארמאגט א באנק-אקאונט און אוודאי נישט קיין סעיווינגס-אקאונט. עס איז נישט דא דאס פלאץ מאריך צו זיין אין דעם וואס איז אזוי באקאנט.

אבער די ספעציעלע יצירה האט מיט זיך געהאט פילע אנדערע אספעקטן און ספעציעלקייטן. למשל, אזא צורה וואס דער סאטמארער רבי האט געהאט, האט נאר געקענט קומען ממש אלס א מתנה. אדרבה, האט איר שוין געזען נאך אזא צורה ערגעץ וואו און אויף סיי וועמען? אויף יעדן בילד פון די פילע הונדערטער בילדער וואס עס איז דא פונעם רבי'ן, זעט מען נאך און נאך חידושים. זיינע פיאות, די דיוקנא קדישא, זיין געשטעל און אפילו וויאזוי ער האט געטראגן זיין הוט און די בעקישע איז עפעס וואס מען קען באטראכטן און באטראכטן. דאס אלעס איז זעלבסט עפעס וואס דער אויבערשטער האט בלויז פאר'ן רבי'ן געשאנקען. איך קען נישט טראכטן אנדערש, נאר אז פונקט אזוי האבן אויסגעזען די הייליגע מלכים בזמן בית ראשון.

דער רבי איז געווען באשאנקען מיט כוחות אין בליציגקייט, צו זאגן אויפ'ן פלאץ וואס מענטשן זאגן נאך היינט איבער; דער רבי האט געהאט כוחות אין דעבאטירן מיט די גרעסטע מענטשן אז זיי האבן געמוזט מודה זיין אז זיי רעדן דא מיט א זעלטענעם מענטש און א חכימא דיהודאי.

און צו דעם אלעם האט דער אויבערשטער געהיטן די יצירה מיט א זעלטענער שמירה. דער צדיק וואס זיין תפקיד אויף דער וועלט איז געווען אויפצושטעלן אידישקייט אינעם לאנד וואו אידישקייט האט זיך נישט געהאלטן און דאס מאכן פאר א מקום וואו אידישקייט וועט בליען ביז משיח'ס אנקום, האט געדארפט ווערן אפגעהיטן צו זיין אין א פערפעקטן צושטאנד. ווי עס שטייט אויפ'ן כהן גדול אז ער האט געדארפט זיין ספעציעל, אויסער יחוס, אויך בנוי בעושר בכח בחכמה ובמראה און האט געדארפט זיין אין א פערפעקטן צושטאנד צו דינען אלס דער כהן גדול, אזוי איז געווען דער סאטמארער רבי אויסגעצייכנט בנוי בעושר בכח בחכמה ובמראה.

דער אויבערשטער האט אים ארומגענומען ביי דער צווייטער

וועלטס-קריג מיט א ספעציעלער ווייכער דעקע, ווי דעם שענסטן אתרוג וואס איז ארומגענומען מיט 'קלאָטשע' און א ווייכקייט, אז דאס זאל נישט כאפן דאס מינדעסטע און הייקלסטע קלאפ. דער רבי איז געווען דער איינציגסטער איד פון די מיליאנען אידן אונטער די דייטשן וואס איז געבליבן מיט דער בארד און פיאות אומבארירט! און ניטאמאל קען מען דאס ארײנלייגן אין דער טבע אז דער רבי האט געבלאפט די דייטשן פאר לאנגע חדשים אז ער האט צאן-ווייטאג און דערפאר איז זיין הייליג פנים ארומגעוויקלט אין א טוך. דאס איז ניטאמאל עולה על השכל. זיכער איז יעדער איד וואס האט אדורכגעלעבט די צווייטע קריג געבליבן לעבן מיט געוואלדיגע נסים, און מלאכים האבן אים געהיטן, און ביי קיינעם איז דאס נישט געווען בדרך הטבע. אבער דער סאטמארער רבי האט געהאט א ספעציעלע שמירה יתירה אז דער מלך ישראל זאל נישט האבן דאס מינדעסטע חסרון.

עס זענען אין יאר תשפ"ג ארויסגעקומען בילדער - דורך ריסוירטש פון משפחת שמעלצער וועמענ'ס טאטע הרה"ח ר' ראובן ז"ל איז אויך געווען - פון די גראטעוועטע אידן וואס זענען געווען אויף די 'קאסטנער טראנספארטן' און זיך אויפגעהאלטן אין דער שווייץ, ווינטער תש"ה.

די אלע אידן - אנקומענדיג אין דער שווייץ - זענען געווען שטאַטלאזע און פאפירלאזע מענטשן וואס האבן געדארפט מאכן פרישע פאפירן מיט בילדער פאר פאספארטן וכדו'. ווען די שווייצער אויטאריטעטן האבן געמאכט די בילדער האבן זיי פארלאנגט אז די בילדער פון די אידן זאלן זיין אן א יארמולקע אויפ'ן קאפ. ווען עס זענען עטליכע יאר צוריק אפירגעקומען די בילדער, זעט מען דארט בילדער פון רבנים און פילע בעלי בתים, חסידים ואנשי מעשה און עמך אידן, אבער בלויז איין איד - פון ארום זעכצן-הונדערט אידן - טראגט יא א יארמולקע. ווייטער דער זעלבער איד. דער איד וועלכער איז געווען די זעלטענע יצירה; ער האט געהאט א דאפלטע שמירה פון אויבערשטן אז ער זאל ארויסקומען אפילו פון דער ביטערער קריג בנוֹי בעושר בכח בחכמה ובמראה. (עס איז מיר דערווייל נישט באקאנט די פרטים איבער די בילדער און פארוואס די שווייצער אויטאריטעטן האבן דייקא געוואלט אז די בילדער זאלן געכאפט ווערן אן יארמולקעס. אבער איין פרט איז זיכער, אז פון דעם מלך ישראל וועט נישט ארויסקומען א בילד וואס וועט נישט זיין א כבוד עס צו קוקן און ווייזן. און זיכער קום איך נישט דא מיט דאס מינדעסטע גרינגשעצונג אויף אלע אידן וואס האבן געצווינגענערהייט זיך אראפגענומען די בארד צי די יארמולקעס, וואס זיי האבן געטון ע"פ הלכה הונדערט פראצענט. איך ברענג בלויז ארויס ווי דער אויבערשטער האט ארומגענומען דעם אידישן קעניג מיט א ספעציעלע ווייכע דעקע, וואס דער אויבערשטער האט קיין שום אנדערן איד נישט ארומגענומען.)

דער רבי האט גערעדט - במשך זיין לאנג פארצויגענע מלחמה מיט ציוניזם - צו טויזנטער אידן. ער האט דעבאטירט מיט די גרעסטע אידן, ער האט געשמועסט טויזנטער שמועסן, און דאך איז נישט געבליבן אפילו איין אויסצוג וואס מען קען זאגן אז דאס ווארט איז געווען נאריש; דא האט ער זיך פאררעדט, צי דאס ווארט איז נישט געווען אויסגעהאלטן. עס איז נישטא איין שמועס וואס מען האט געדארפט גונז זיין צי מען האט זיך געמוזט שעמען דערמיט, צי בלויז 'פאררעכטן' דעם שמועס. און הערשט איז דער רבי נישט געווען פארמאכט אין א שטוב צי א פארמאכטער מענטש וואס איידער מען איז אריין צו אים האט מען געדארפט וויסן וואס דער מענטש וויל רעדן אדער שמועסן. דער רבי איז געווען דער ברייטסטער מח וואס האט ארויסגעהאט מיט א ברייטן און טיפן היקף יעדע נושא וואס איז אויפגעקומען און געהאט דערויף וואס צו זאגן מיט אן אויסגעהאלטענע מיינונג.

אויטאמאטיש איז דער רבי געווען דער וועלכער האט צוגעצויגן יעדנ'ס אויג און יעדנ'ס אויער צו זיך. עס האט נישט קיין שום רבי געהאט אזא סארט כבוד בימים ההם אז וואו ער איז געגאנגען און וואו ער איז געשטאנען זענען געשטאנען אלפים און רבבות פון אלע סארט אידן און אים אפגעווארט.

## דבריו נשמעים

יעדעס ווארט וואס דער סאטמארער רבי האט נאר געזאגט איז געווען עפעס וואס מען האט גערעדט דערפון, און מען האט דאס איבערגעזאגט אומעטום.

עס איז היינט זייער שווער דאס צו דערהערן און פארשטיין, ווייל עס איז נישט דא היינט א ביישפיל. יא, עס זענען דא היינט משפיעים און אפילו גרויסע זאגערס, אבער נישט פון דעם רעדט מען דא. א משל: עס איז געווען שבת פרשת נשא תשכ"ז ביים ענדע פון די מלחמה, וואו מדינת ישראל האט געוואונען אין זעקס טעג די אראבישע לענדער ארום איר. זיי האבן צושמעטערט די ארמייען פון ירדן, סיריע און עגיפטן, און זיי האבן איינגענומען אלט שטאט ירושלים אין שפיץ פונעם כותל המערבי. דער רבי האט ביי של"ס געזאגט די באוואוסטע "נשא תורה", ווען ער האט מיט בכיות געיאמערט אויף דעם פרישן ביטערן נסיון וואס האט באטראפן דעם כלל ישראל. דעמאלט האט דער רבי גע'אסר'ט צו גיין צום כותל המערבי.

דער רבי האט דאן גערעדט בלויז צו 'זיין' ציבור אין 'זיין' בית המדרש, און בפשטות איז נישט געווען בימים ההם אין סאטמארער ביהמ"ד אויף בעדפארד עוועניו קיין טויזנט אידן. וויאזוי מען זאל נאר אויסשטעלן היינט יענעם ביהמ"ד, איז טויזנט מענטשן לכאורה מיט א שמיץ אריבער. און דאך, ווען עס איז געווארן דאהי אין אמעריקע צוויי שעה נאכ'ן זמן, האט זיך די וועלט איבערגעקערט, וואס מען קען דאס היינט זיך נישט משער זיין. עס איז אפילו נישט דא היינט איינער וואס קען מאכן אז מען זאל רעדן פון אים סיי וואס ער זאל נאר נישט זאגן. די וועלט איז דאן געווען איבערגעקערט, ווי דאס ווארט לויטעט: ווי קיינמאל בעפאר. אלעס האט גערעדט אז דער סאטמארער רבי האט גע'אסר'ט צו גיין צום כותל און האט געוויינט אויף די פאלשע נסים. צי יעדער האט מסכים געווען מיט'ן רבי'נס ווערטער צי נישט, איז נישט רעלעוואנט. אבער קיינער האט נישט געטראכט אז דער סאטמארער רבי לכשעצמו הוא דורש און האט די מינדעסטע פנוי' אויסער דעם כבוד שמים, און ער וויינט צוזאם פאר צער השכינה; אויפ'ן סאטמארער רבי'ן האט יעדער געוואוסט אז עס ברענט אין אים דער כבוד שמים ועל אלה הוא בכה. און דערפאר איז ער געווען דער סאטמארער רבי וואס איז געווען דער יחיד בדורו.

(נאכמער, ווען דער רבי זי"ע האט זונטאג פ' נשא - איידער די מלחמה האט אויסגעבראכן, אבער עס האבן שוין אלע גערעדט אז א מלחמה גייט יעדע ליאדע מינוט אט אט אויסברעכן - געלאזט מעלדן אז ער קומט אריין אין ביהמ"ד אויסזאגן תהלים לאור המצב, האט שוין יענע נאכט די אידישע וועלט געקאכט כמרקחת אז דער סאטמארער רבי זאגט תהלים פאר דער מדינה... כאטש דער רבי האט נישט געלאזט מעלדן אין קיין שום צייטונג און זיכער נישט געהאנגען קיין פלאקאטן אין די גאסן. בלויז א געשריבענער צעטל פון א סטאלינער חסיד, א שד"ר מיט'ן נאמען ר' זלמן ג"ב ז"ל, וואס האט געטראגן א צעטל איבער א מנין תהלים וואס ער האט געוואלט מסדר זיין לאור הפחד וואס האט געהערשט איבער די מלחמה, אין ביהמ"ד ישיבת תורה ודעת, און דער רבי האט געהייסן, אז אט דעם צעטל זאל מען אויפהענגען אין "גרויסן סאטמארער ביהמ"ד" און לאזן וויסן אז ער זעלבסט וועט אויך קומען אויסזאגן תהלים בציבור. כידוע ליודעים, ואכמ"ל.

עס האט קיינער נישט מטיל בספק געווען צי דער סאטמארער רבי האט אויפגעשטעלט אידישקייט איבער גאנץ אמעריקע. עס איז נישט געווען אפילו איינער וואס האט אנדערש געטראכט; עס איז נישט געווען איינער וואס האט נישט געוואוסט אז בלויז צוליב דעם סאטמארער רבי'ן גייען אידן אין אמעריקע מיט בארד און פיאות, מיט שטריימל און בעקישע. דער סאטמארער רב האט אויפגעשטעלט 'אלע' תלמוד תורה'ס און מיידל שולעס אין אמעריקע. ער האט אויפגעשטעלט 'אלע' חסיד'ישע ישיבות אין אמעריקע; מהודר'דיגע מקוואות און כשר פלייש. היינט זענען דא צענדליגער טויזנטער צי גאר הונדערטער טויזנטער שומרי תורה ומצוות וואס פירן זיך בחסידות; די שטיבער בצניעות, וואס דאס אלעס איז צו פארדאנקען דעם לעצטן דברי חיים און חתם סופר סארט מנהיג הדור. און טאקע דערפאר האט דער אויבערשטער באשאפן די ספעציעלע יצירה וואס האט געדארפט האבן די איבערמענטשליכע כוחות דקדושה דאס צו קענען באווייזן.

אבער ביטע, כאפט מיך נישט ביים ווארט, אז דער סאטמארער רבי האט דאך נישט אויפגעשטעלט 'אלע' קהילות... זיכער האבן די רבי'ס און רבנים אליין מייסד געווען זייערע חסידות'ער און זייערע קהילות אויפ'ן שענסטן און בעסטן אופן וואס נאר שייך געווען בימים ההם. אלע רבי'ס און רבנים האבן געהאט בלויז איין שאיפה, און דאס איז געווען אויפצושטעלן ערליכע אידישע קהילות און ישיבות. זיי האבן אלע געהאט די נקודת האמת וואס בלויז מיט דעם קען מען אויפשטעלן אידישקייט אז עס זאל האבן א קיום. יעדער רב און רבי האט אויפגעשטעלט זיין קהילה און חסידות גענוי ווי ער האט געהאט מקובל מפי אבותיו ורבותיו הקדושים און האט געוואלט א המשכה אויף ווייטער. אבער צוגלייך האבן אלע רבנים און רבי'ס געוואוסט אז אָן דעם כח פון דעם הייליגן חתם סופר און דעם הייליגן דברי חיים סארט צדיק הדור, וואלט אמעריקע געבליבן טריפה אזוי ווי עס איז געווען די געשיכטע אין די תר"מ יארן ווען מיליאנען אידן - און דאס רוב פון זיי זענען געווען פרומע שתומ"צ - זענען אנגעלאפן פון אייראפע אהערצו און ניין-און-נײַנציג פראצענט זענען געגאנגען לטמיון רח"ל. כאטש עס זענען אויך געווען גרויסע ערליכע אידן דא אין אמעריקע. עס זענען דאן געווען רבנים בעלי מסי"נ וואס האבן אלעס געטון אז אידישקייט זאל זיך האלטן אין דעם נייעם לאנד. אבער וויבאלד עס איז מסתמא נאכנישט געקומען די צייט פון אויבן אז אמעריקע זאל ווערן דער אידישער צענטער איבער אייראפע, האט דער אויבערשטער דאן נישט אהערגעשיקט אזא סארט ג-טליכער מנהיג ווי דער סאטמארער רב, וואס האט באוויזן יארן שפעטער אהערצושטעלן אמעריקע אלס דעם אידישן צענטער וואס עס איז געווארן.

## שבת שקלים תשכ"ח – די וועלט פילט זיך באדראעט!

יענער שבת וועט בלייבן איינגעקריצט ביי יעדן פרומען איד וואס איז דעמאלט שוין געווען גענוג גרויס און איז שוין געקומען לכלל דעת, צי דער איד איז מיטגעשטאנען מיט'ן סאטמארער רבי'ן צי נישט; צי דער איד איז פערזענליך שוין אמאל אריין צום רבי'ן צי נישט. אלעמען האט באכאפט א שרעק מיט די נייעס אז דער סאטמארער רבי איז אוועקגעפאלן מיט א מאסיוון סטראוק רח"ל. א פחד פאר'ן עתיד האט ארומגענומען יעדן ערליכן איד, און יעדער האט זיך געפילט באדראעט אויב דער סאטמארער רב וועט עס נישט איבערלעבן. עס האט באכאפט א תהלים געזאגעכץ אין דער גאנצער וועלט, וואס מען האט נישט געדענקט אזא בקשו רחמים בעפאר, און זיכער וועט נישט מער אויפקומען אזא סארט צדיק וואס אלע קרייזן און שיכטן וועלן זיך צוזאמנעמען זאגן תהלים לרפואתו. מען קען עס היינט נישט מסביר זיין מיט ווערטער וואס די וועלט האט יענעם מוצאי שבת שקלים געשפירט, דעריבער איז נישט שייך משלים. מען האט תהלים געזאגט פאר עטליכע טעג אין א צי, אין אלע בתי מדרשים, אין אלע ישיבות, חסיד'ישע און ליטווישע און אפילו אין מאדערן-ארטאדאקסישע קרייזן. עס איז אפילו באקאנט אז דער גרויסער גאון רבי משה פיינשטיין ז"ל האט געזאגט תהלים אגאנצן מוצאי שבת שקלים ביי זיך אין שטוב. עס קען זיין ער האט געזאגט תהלים פאר'ן רבי'ן אויך אין שפעטערדיגע טעג, אבער אויף מוצאי שבת האב איך געהערט פון עדים נאמנים וואס זענען געווען ביי זיין שטוב יענעם זונטאג פארטאגס מזכיר זיין דעם רבי'ן, און זיין רביצין האט זיי געזאגט אז "אויב זענט איר געקומען מזכיר זיין דעם סאטמארער רב, וועל איך אייך ווייזן אז אזוי זאגט ער שוין תהלים אגאנצע נאכט.." און זי האט זיי אריינגעטראגן אין זיין ספרים שטוב וואו ער איז געשטאנען ביי אן עמוד און געזאגט תהלים.

אפילו אין דער טמא'נער כנסת האט מען

געמאכט א מנין תהלים נאך מנחה, דינסטאג פר' תרומה. דא איז בייגעלייגט אן אויסשניט פון דער צייטונג "ידיעות אחרונות" וואו עס שטייט באריכטעט די נייעס אז האדמו"ר מסאטמאר איז אוועקגעפאלן און אז דער חבר הכנסת אברהם ווערדיגער פון "פועלי אגודה" האט אראנזשירט א מנין תהלים אין דער כנסת לרפואת הרב מסאטמאר. עס שטייט דארט אויך אז דער סגן יושב ראש פון דער כנסת, אריה בן אליעזר, האט זיך געוויצלט אז אויב זאל דער סאטמארער רב געוואויר ווערן אז אין כנסת האט מען געזאגט תהלים לרפואתו, קען דאס האבן א פארקערטע ווירקונג...



# השפעה של תהילים...

דשבוע נאמרו פרקי תהילים למען רפואתו השלמה של הרבי מסטמר, המתנגד הנ׳ מושבע של מדינת ישראל, ב...כנסת.

בבית הכנסת הנאה של משכן הכנסת נערך מדי יום ביומו מנין לתפילת מנחה וערבית, בו משתתפים בעיקר חברי־הכנסת הדתיים, אך גם חילוניים האומרים „קדיש".

ביום שלישי הציע ח"כ אברהם ורדיגר, איש פועלי־אגודה, לומר אחר תפילת מנחה כמה פרקי תהילים למען הבראתו של הרבי מסטמר, שלקה בשטף דם במוח בביתו אשר בברוקלין. ואמנם בקשתו נתקבלה על דעת כולם.

כאשר שמע על כך סגן יו"ר הכנסת, ח"כ אריה בן־אליעזר, הוא הגיב: אם ישמע הרבי מסטמר, כי אמרו תהילים למענו בכנסת של מדינת ישראל — זה עלול להשפיע דווקא לרעה על בריאותו...

# כ"ו אב תשל"ט

די סיבה פארוואס דער סאטמארער רבי האט געהאט אזא לוי' און עס זענען געהאלטן געווארן מאסן-הספדים וואו מען האט באוויינט די גרויסע אבידה אין אלע ערליכע קרייזן אין דער אידישער וועלט, איז די זעלבע סיבה פארוואס עס האט זיך איבערגעקערט די וועלט שבת שקלים עלף יאר פריער - תשכ"ח און די תהלים געזאגעכץ. און די סיבה פארוואס עס וועט מער אזא סארט לוי' און הספדים מער נישט פארקומען ווען די גאנצע אידישע וועלט איז געווען באבלות, איז די זעלבע סיבה פארוואס אזא סארט שבת שקלים תהלים געזאגעכץ וועט מער נישט פארקומען: ווייל ווידער האט זיך די אידישע וועלט געפילט באדראעט פאר'ן עתיד אויב דער סאטמארער רב איז מער נישט צווישן אונז! עס וועט מער נישט זיין אזא סארט איד וואס קען אזוי באדראען די וועלט אין זיין אפוועזנהייט.

דער פריערדיגער דור איז שוין באמת אויך נישט ראוי געווען פאר אזא סארט ליכטיגקייט. עס איז שוין נישט געווען אזא סארט יצירה אין די פריערדיגע דורות, נאר השי"ת ברוב רחמיו וחסדיו האט אראפגעשיקט דעם צדיק וקדוש פאר א ספעציעלע מיסיע, ווי אויפשטעלן אידישקייט אין די טריפה'נע אמעריקע, לוחם צו זיין מלחמות ה' קעגן די מנאצי ה', די ציונים און זייער הקמת המדינה, וואס בלויז אזא צדיק הדורות האט געקענט זיך אנטקעגנשטעלן קעגן דעם שרעקליכן נסיון וואס האט געהערשט צווישן דעם גאנצן כלל ישראל נאכ'ן ביטערן קריג, ווען עס האט געהערשט א פאטריאטישקייט אז מער וועלן מיר זיך נישט לאזן און אז מיר וועלן מער נישט גיין כצאן לטבח וכו' וכו'.

עס קען קיין שום פראפאגאנדע אויף דער וועלט נישט אויפבויען קיין שום פשוט'ן מענטש אלס צדיק. מען זאל אויפנעמען אלע מארקעטערס אויף דער וועלט און מען זאל אהערשטעלן די שענסטע בילדער און די שענסטע עדס און באשרייבונגען וואס קינד-און-קייט אין דער גאנצער וועלט זאלן ליינען טאג און נאכט, וועט דער וועמען מען וויל אויפבויען, בלייבן דער זעלבער פארשוין. אפילו מען זאל אויפבויען א רבי'ן, א געלונגענעם מענטש, גאנץ אן ערליכער און ארנטליכער איד, וועט ער נישט ווערן פארהייליגט ביי די מאסן. ווי עס לויטעט דאס ווארט: מען קען נישט בלאפן די גאנצע וועלט אלעמאל. מען קען בלאפן טייל מענטשן אויף צייטווייליג. ווען די מענטשהייט וויל דערהייבן א מענטש העכער ווי ער איז באמת, דאן זייט מקיים דעם מאמר חז"ל, פוק חזי מאי עמא דבר. גייט ארויס און זעט וואס די מאסן רעדן. די וועלט רעדט נישט גרויס פון א פשוט'ן מענטש וועמען מארקעטערס בויען אויף, און א גרויסער איד ווערט נישט א טראפ קלענער וועמען שרייבער ווילן קלענער מאכן.

מיות היותם לגוי, זייט עס איז דא א כלל ישראל איז נאך קיין אמת'ער גדול נישט געווארן פארקלענערט מיט די יארן. פארקערט גאר. ווי שפעטער, ווערן די פריערדיגע גדולים פיל מער פארהייליגט און פארעהרט. מען פילעוועט אין זייערע הייליגע ספרים און מאמרים און מען דערציילט מעשיות וסיפורים פון זיי.

# עפּילאָג

אז עס קומט היינט ארויס א מאן דהוא מיט סיי וועלכן מקור, אז שבת שקלים תשכ"ח, ווען די גאנצע וועלט האט איינגעריסן פאר'ן הייליגן סאטמארער רבי'ן, דער צדיק הדור, האט דער סקווערער רבי זצ"ל - בשעת דער סקווערער רבי זעלבסט איז ליידער געווען ביטער קראנק און זיינע טעג זענען געווען געציילטע - מיט געקונצעלטע ווערטער זיך אויסגעדרוקט אויפ'ן סאטמארער רבי'ן אז "זיין" עולם דארף אים האבן, כאילו עס רעדט זיך פון עפעס א רעוועלע, איז דאס א זלזול נורא. אבער נישט ח"ו אין סאטמארער רבי'ן - ווייל דעם סאטמארער רבי'ן קען קיינער נישט אראפברענגען און קיינער קען נישט מזלזל זיין אין דעם סאטמארער רבי'ן, פונקט ווי דעם הייליגן דברי חיים צי דעם הייליגן חתם סופר קען קיינער נישט אראפברענגען. נאר זאגאר, א מזלזל אין סקווערער רבי'ן וועלכער איז געווען א צדיק וקדוש און האט פיל בעסער געוואוסט אז דער סאטמארער רב לעבט נישט פאר "זיין" עולם, ווייל זיין "עולם" איז: כל המקיים נפש אחת מישראל, מעלה עליו הכתוב כאלו קיים "עולם מלא", כ"ש א מקיים פון אן עולם מלא. דער סאטמארער רב האט געראטעוועט די וועלט!

דער סאטמארער רבי איז געווען דער לעצטער וועמען די וועלט האט פיל מער געברויכט ווי ער האט געדארפט די וועלט!

איז שוין זייער פארשטענדליך פארוואס כ"א כסלו איז א יו"ט פאר דער גאנצער "עולם" - וועלט!






מחנה ענתות" - האט געפלאטערט קעגן אונז א שילד אין דער זייט פונעם טויער וואס האט זיך געעפנט לכבוד אונז... די קאר האט פארגעזעצט צו פארן 10 מעטער, געמאכט א רעכטס ארום צען מעטער און ווידער לינקס און גלייך רעכטס אויף א באזונדערן פלאץ. די קאר האט זיך אפגעשטעלט נעבן א באשיצטן בנין, ארומגענומען מיט שטעכל דראט. מען האט אונז ארויסגענומען פון דער קאר און אריינגעפירט אין טויער.

אין אנהויב האט מען אונז אוועקגעזעצט אונטער א האלצערנעם דאך און געלאזט אביסלווארטן. נאך עטליכע מינוט האט מען אונז אריינגעפירט צו איינעם פון די אפיסעס, דארט האט מען מיר צוריקגעגעבן מיין סעלפאן. איך האב אהיימגערופן זיכער צו מאכן אז אלעס איז אין ארדענונג. מען האט מיר געמאלדן אז די געטרייע עסקנים זענען שוין אנגעקומען אין די נאכמיטאג שעה'ן נעמען די תפילין און זיי זענען שוין אויפ'ן וועג צו מיר. דערנאך האב איך געהאט א שמועס מיט די עסקנים קלאר צו מאכן וואס יא צו זאגן און וואס נישט. א קורצער אינטערוויו מיט "קול זעקה", וואס איז אפגעהאקט געווארן וויבאלד זיי האבן געמאלדן אז זיי ווילן אנהויבן מיט דער אויפנאם פראצעדור.

(דער אויפזועער האט געראטן גלייך אנצוהויבן מיט'ן פראצעדור, וויבאלד ס'איז געווען נאנט צו צוועלף אזייגער, ווען ס'טוישט זיך דער אלגעמיינער דאטום [לויט וועלכן זיי באשטימען - ווי ס'פאסט פאר אן 'איזראעלישן' גוי] און אויב מען גייט אריבער די פראצעדור פאר צוועלף, ווערט עס שוין גערעכנט ווי א טאג ארעסט, און ס'גייט נאכדעם אראפ פון די צאל טעג וואס דער געריכט באשטימט.)

אין אפיס, וואו מיר זענען אריינגעפירט געווארן, איז געשטאנען א טיש און הינטער אים אן אפיס בענקל. אויפ'ן טיש איז געשטאנען א קאמפיוטער מיט די אפיס צוגעהער. נעבן דעם טיש זענען געווען 2 בענקלעך פאר די אויסגעפרעגטע. אין ווינקל פון צימער שטייט א שאנק וואו עס ליגן מסודר די ארעסטאנטן קליידער אין פארשידענע סייזעס פאר די 'געסט'. (למעשה דארף יעדער ארעסטאנט אנטון די ארעסטאנט קליידער גלייך ביים אנקומען, אבער וויבאלד ר' אברהם צבי האט זיך אנטזאגט צו מיטארבעטן מיט זיי, האט מען באשלאסן אפצושטופן דעם ענין פון אנטון די ארעסטאנט קליידער אויף צומארגנס.)

מיר זענען באפוילן געווארן אויסצוליידיגן דעם אינהאלט פון אונזערע טאשן און ארויפלייגן אויפ'ן טיש. אלעס איז פונקטליך פארשריבן געווארן אין דעם "פקדון צעטל". אויף דעם אפיס בענקל האט זיך אוועקגעזעצט א סאלדאט מיט א הויפן בלעטער אין זיין האנט און געבעטן מיר זאלן זיצן. מיר האבן זיך אוועקגעזעצט אויף די בענקלעך און אנגעהויבן מיט די אינפארמאציע: נאמען, משפחה, אדרעס, וואו לערנסטו, וואו האסטו געלערנט אין פארגאנגענהייט א.א.וו. נאכדעם האט זיך אנגעהויבן א סעריע פון מער פאראינטערעסירטע שאלות ווי: פארוואס האסטו זיך ארויסגעדרייט פון מיליטער? איז די ישיבה וואו דו לערנסט אנערקענט? פארוואס האסטו נישט מסדר געווען דיין מעמד אזוי ווי יעדער? א.א.וו. פארשטייט זיך אז איך האב געענטפערט נאר וואס די עסקנים האבן מיר געזאגט פארדעם.

ווען מיר האבן געענדיגט, האב איך זיי געבעטן אז וויבאלד די עסקנים דארפן שוין אנקומען מיט די תפילין און עסן וואס מען האט מיר געשיקט פון דערהיים, זאלן זיי גיין צום טויער פון לאגער מיר צו ברענגען דאס פעקל. נאך עטליכע מאל בעטן האבן די אויפזעערס באוויליגט און זענען געגאנגען ברענגען דאס פעקל וואס האט אנטהאלטן: תפילין, בגדים, קוכן, א חיזוק בריוו, און נאך עטליכע נאש. איך האב געגעסן וויפיל איך האב געקענט אונטער דעם האלצערנעם דאך אינדרויסן (ווייל לויט די תפיסה געזעצן מעג מען נישט אריינברענגען קיין עסן פון דרויסן). זיי האבן אונז צוגעלייגט צו די סעודה ברויט מיט דעם הכשר פון עדה החרדית, קעז און קאטעדזש.

ווען איך האב געענדיגט עסן, נאכ'ן באטייליגן ר' אברהם צבי אין די "סעודת הודאה" אויף דעם וואס מיר האבן זוכה געווען אנצוקומען אהער, און איך האב געדארפט צוריק אריינגיין, האב איך נישט געוואלט אוועקווארפן דאס וואס ס'איז געבליבן. איך האב מסביר געווען דעם אויפזעער, אז "בל תשחית" איז א הארבע עבירה, און איך בין נישט גרייט עובר צו זיין דערויף בשום פנים ואופן. דעריבער האט ער צוויי מעגליכקייטן: אדער זאל ער מיר ערלויבן אריינצוברענגען די איבריגע אינעווייניג, אדער זאל ער מאכן הויך א ברכה און אויך געניסן פון כשר'ע עסנווארג (אפשר די ערשטע מאל אין זיין לעבן...), טראץ דעם וואס ס'איז קעגן די ארעסט געזעצן. יענער האט אויסגעוועלט די צווייטע מעגליכקייט... ער האט געמאכט א הויכע ברכה און מיט גרויס אפעטיט




ברוכים הבאים צו "מחנה ענתות" - א פראטעסט ביים טויער פון לאגער!




די מאפע פונעם פלאץ אין ענתות


טופס אמרה - עריקים ומשתמטים


טופס אמרה - עריקים ומשתמטים

דער ערשטער אויספארשונג צעטל - "פאר דעזערטירער און ארויסדרייער"

געגעסן די שיריים פון דער 'סעודת מצוה'.

און יעצט א קורצע שילדערונג איבער די ארעסט געביידע:

אויף'ן פלאץ געפינען זיך דריי בילדינגס. גלייך ביים אריינגאנג איז דא א חצר און א האלצערנער דאך וואס איז באשטימט אלס א 'רייכערן ווינקל'. ווייטער איז דא א קאראוואן מיט צוגעהערן פאר די ארעסטאנטן ווי מאטראצן, דאכגעס, שלאף-זעק א.ד.ג. מ'גייט ארויף אפאר טרעפ און מען קומט אן צו א קארידאר. פון דער רעכטער און לינקער זייט זענען דא 2 צימערן וואס מען נוצט פאר אפיסעס. נאכדעם פון דער רעכטער זייט זענען דא טוילעטס און שוירעס, און דאן קומט מען צו דער מחיצה מיט'ן טויער. מען גייט אריין 2 מעטער און מען קומט אן צו דער ערשטער חצר (זע מאפע) וואס איז גרויס 2.5 מעטער אויף 7 מעטער. ווייטער זענען דא 4 צעלן וואס אין יעדע איינע זענען דא 4-5 צוויי-שטאקיגע בעטן. נאכדעם איז דא נאך אן אפענע חצר, אזוי גרויס ווי די ערשטע, וואו מען מעג רייכערן. פון דער לינקער זייט פון חצר איז דא נאך א בילדינג פון טוילעטס און שוירעס. צווישן די אפיסעס פון דער מאנשאפט/אויפזעערס און די ארעסט צעלן, שטייט א בית המדרש וואס איז גרויס 4x2 מעטער, ס'האט 2 בענק, א קליינעם טיש, איין ספרים שאנק און אן ארון קודש.

פון דא און ווייטער האב איך זיך אנגעהויבן צוצוגעוואוינען צום לעבן אין דער מיליטערישער תפיסה, און צו די פארשידענע ראנגען פון די שמות אלופי עשו - אויפזעערס פון תפיסה, מיט וועלכע איך האב זיך באקענט צום ערשטן מאל (און אויך צום לעצטן מאל...).

נאכט צו חצות הלילה, זענען מיר אריינגעקומען אין די "פרעכטיגע" שול צו דאווענען מעריב. די לעקטער איז געווען אנגעצונדן, אבער ס'האט אויסגעזען אז זינט דעם לעצטן באזוך פון די בני עליה וואס זענען געקומען פאר אונז, האט דארט קיינער נישט באזוכט. די אטמאספער אין דעם פלאץ איז נישט געווען ווער ווייסט וואס, אבער די סיבה וואס האט אונז אהערגעברענגט האט אונז צוגעברענגט צו שפירן א דערהויבנקייט און אנהייבן תפילת מעריב מיט התלהבות און שמחה. טאקע ביחידות, ווייל א מנין איז דארט נישט געווען, אבער א תפילה וואס קומט פון טיפן הארץ, דורכגענומען מיט א לשם יחוד על מצות קידוש שמו יתברך, וואס שפאלט זיכער הימלען.

נאכ'ן דאווענען האט מען אונז אריינגעפירט אין צעל, וואו ס'איז שוין געווען איינער וועלכער איז געשלאפן. מען האט אונז געגעבן א שלאף זאק און מאטראץ, און מיר זענען געגאנגען שלאפן.




איך האב זיך ערוועקט פון שלאף, וואס איז שוין סיווי געווען אפגעהאקט, דורך די געשריען. דער זייגער האט געוויזן אויף 5:15. וואס איז געשען אין אזא פריע שטונדע? זייער שנעל איז מיר קלאר געווארן אז אזוי איז איינגעפירט אין תפיסה, צו מאכן א "צופרי ציילונג" אין אזא פריע שעה פאר אלע ארעסטאנטן וואס געפינען זיך אין די דערנעבנדיגע צעלן.

כ'האב פרובירט צוריק איינצושלאפן אבער אן קיין ערפאלג... בין איך צוגעגאנגען צום קליינעם פענסטערל ביים טיר און געבעטן איינעם פון די דורכגייער צו רופן דעם אויפזעער. ווען ער איז אנגעקומען האב איך אים געבעטן מיר צו עפענען די טיר, אבער ער האט זיך אנטזאגט ווייל אזוי איז דער סדר אין ארעסט הויז. נאר נאכדעם וואס כ'האב זיך געבעטן ביי אים, מיט די טענה אז די טוילעטס אין צעל איז צובראכן און איך מוז שנעל ארויסגיין, האט ער מסכים געווען צו עפענען (פאר מיר און ר' אברהם צבי) די טיר פון צעל. ווען מיר האבן געענדיגט די הכנות האט ער אונז געוואלט צוריקשיקן, אבער איך האב אים געבעטן אז וויבאלד איך וועל שוין סיווי נישט קענען נאכאמאל איינשלאפן און ס'איז שוין געווארן טאג - זאל ער אונז ערלויבן אריינצוגיין אין שול דאווענען תפילת שחרית מיט'ן נץ. ער האט געקוועקלט און דערנאך מסכים געווען.

מיר זענען אריין אין בית המדרש. דער פלאץ איז געווען ליידיג, ממש ווי נעכטן. אפילו די שטויב אויף די פאליצעס איז געבליבן ווי נעכטן. מיר האבן געלייגט תפילין און געדאווענט דארט שחרית, די ערשטע פון די סעריע טעג אין ארעסט. דער געפיל איז געווען ווי דער היכפונקט ביי תפילת נעילה אין יום כיפור. מיר האבן טאקע געדאווענט אן מנין, אבער די התלהבות האט מיר נישט פארלאזט פאר א לאנגע מינוט, א תענוג רוחני וואס איך האב נאך קיינמאל נישט געשפירט. ס'איז מיר געווען שווער די געזעגענונג פון אזא דערהויבנקייט, קוים מיט שווער'קייט און צער האב איך אויסגעטון מיינע תפילין.

נאכ'ן ענדיגן די דערהויבענע "תפילת נעילה", איז אונז געבליבן געציילטע מינוטן ביז די אויפזעערס האבן געענדיגט מיט די אנדערע ארעסטירטע און זיך גענומען צו אונז, אזוי איז אונז געבליבן נאך אביסל צייט צו לערנען רואיג. דאס זענען געווען טייערע מינוטן אין וועלכע מיר האבן אנגעפילט אונזערע רוחניות'דיגע באטעריס, בעפאר אלע אויסמאטערונגען וואס מיר וועלן דארפן אריבערגיין דעם טאג.

נאך א פערטל שעה האט מען אונז גענומען צו פרישטאג - נישט אין דעם עס-זאל ווי די אנדערע דיסציפלינירטע ארעסטירטע, נאר אין א צעל וואו מען האט אונז געברענגט פארמאכטע עסנווארג מיט'ן הכשר פון בד"צ. פון גרויס התרגשות האב איך נישט געהאט קיין אפעטיט צו עסן, איך האב אריינגעלייגט די עסן אין א זעקל, כדי איך זאל קענען עסן שפעטער.

איך האב געבעטן אהיימצורופן און מען האט אנגענומען די בקשה. מען האט מיר אריינגעפירט אין דעם צימער פון די אויפזעערס און מיר געלאזט קלינגען. איך האב געבעטן מען זאל מיר קויפן א קאלינג קארד, וויבאלד די מעגליכקייט צו קלינגען פון תפיסה איז נאר דורך צענטראלע טעלעפאנען וואס זענען געשטעלט אין די אפטיילונגען, און יעדער ארעסטאנט דארף זיך אליין פארזארגן א קאלינג קארד.

יעצט איז געקומען די מינוט פון אויסטון די אייגענע קליידער. מען האט אונז גענומען צום אפיס וואו מען האט אונז נעכטן אויפגענומען, ארויסגענומען צוויי יוניפארמס, איינע פאר מיר און איינע פאר ר' אברהם צבי. די יוניפארמס זענען נישט די שמוציגע קליידער וואס די

סאלדאטן טראגן אין מיליטער, נאר אלטע יוניפארמס פון דער אמעריקאנער מיליטער, וואס די ארעסטאנטן טראגן כדי מ'זאל זיי דערקענען.

ר' אברהם צבי מיט זיין זעלטענע גבורה דקדושה האט דאס גלייך קאטעגאריש אפגעזאגט, אבער אני הקטן האב געטראכט אפצושטופן דעם איינפאל פון זיך עקשנ'ען אויף די קליידער אויף אן אנדער געלעגנהייט, נישט וויסנדיג אז שפעטער וועט עס זיין אוממעגליך, און מ'וועט מיר מער נישט לאזן נעמען מיינע קליידער. איך האב אנגעטון די ארעסטאנט קליידער אויף מיינע, די כאלאט האב איך זיי געמוזט געבן. די ציצית האב איך אנגעטון אויפ'ן יוניפארם און אויך די קאפעלוטש האט מען געלאזט ביי מיר.

ווען די מיליטערישע פאליציי זענען געקומען פון תפיסה 4 אונז דארט אריבערצופירן (נאך א סעסיע [דיון] אין מיליטערישן ציוניסטישן געריכט) האבן זיי דורכגעקוקט די טאשן זיכער צו מאכן אז איך באהאלט דארט גארנישט. ביים אונטערזוך האבן זיי געשפירט אז איך האב עפעס אונטער דעם יוניפארם, און מיר איידל געפרעגט אויב איך האב קליידער אונטער די יוניפארם. איך האב נישט געהאט קיין ברירה און געמוזט מודה זיין. זיי האבן מיר געבעטן אז כאטש אויפ'ן וועג זאל איך מוותר זיין אויף מיינע בגדים און ווען מ'וועט אנקומען צו תפיסה 4 וועל איך באקומען מיינע חפצים און דאן טון וואס איך וויל. (למעשה האט מען מיר נישט צוריקגעגעבן די קליידער אין תפיסה 4. איך ווייס נישט אויב די מיליטערישע פאליציי האט נישט געוואוסט דערפון, אדער זיי האבן מיר פשוט אפגענארט, כדי איך זאל מסכים זיין זיי איבערצוגעבן די קליידער.) איך האב אראפגענומען מיינע קליידער און עס אריינגעלייגט אין א זעקל, דאן האבן מיר זיך ארגאניזירט ארויסצוגיין אין וועג.

מען האט אונז ארויסגענומען אין פארקינג לאט, דארט האט געווארט א קאר פון די מיליטערישע פאליציי מיט 7 זיץ-פלעצער. מיר זענען ארויף אויפ'ן קאר צוגעבונדן איינער צום צווייטן. מען האט אונז אוועקגעזעצט אויף דער הינטערשטער באנק, ווען פאר אונז האבן זיך געזעצט 2 פאליציאנטן און נאך איינער פון פארנט. צוזאמען מיט'ן דרייווער איז געווען אין קאר א מאנשאפט פון פיר פאליציאנטן פון תפיסה 4.

מיר זענען געפארן איבער צוויי שעה, ביז מיר זענען אנגעקומען צום מיליטערישן בית משפט אין יפו ארום 11:00 אזייגער. לויט א באפעל פון די העכערע פענסטער, וואס אויך די אויפזעערס האבן נישט פארשטאנען, זענען מיר נישט אריינגעפירט געווארן אין ווארט-צעל (וואו מ'געפינט זיך אן קיין קייטלעך) נאר מען האט אונז געלאזט אינדרויסן בשעת אונזערע הענט זענען געקייטלט, און ס'האט זיך אנגעהויבן א לאנגווייליגע ווארטעניש. ר' אברהם צבי האט די גאנצע צייט בכלל נישט מיטגעארבעט מיט זיי, און דעריבער האבן זיי מיר געבעטן צו זיין דער פארמיטלער אינצווישן. פארשטייט זיך אז איך האב עס געטון מיט זיין צושטימונג און לויט מיין מוט, אמאל יא ווען ס'איז מיר גרינג אנגעקומען, און אמאל נישט ווען ס'האט זיך מיר נישט געשמעקט. די "פארמיטלונג" איז אויסגענוצט געווארן דורך מיר צו פאדערן פון זיי זאכן וואס זענען לויט די דארטיגע כללים געווען פארבאטן מיר נאכצוגעבן.

ווען ס'איז געקומען די צייט ארויפצוגיין צום סעסיעס זאל, האט מען מיר געפרעגט ווער ס'איז מיין לויער. כ'האב זיי געענטפערט אז איך דארף טעלעפאנירן כדי צו געוואויר ווערן. זיי האבן מיר גענומען צו א טעלעפאן און איך האב גערופן די עסקנים, וועלכע האבן מיר אינפארמירט אז



ארעסטאנטן קליידער - רעשטלעך פון די אמעריקאנער מיליטער



ר' אברהם צבי לעדערמאן מיטן ירושלימער טראגע אין בית משפט



ישיבת מעצר ימים מיום 27.10.2017

ברשות האב"ד אחסאן חלבי

חשוד: /8243163 פנחס פרימן

תובע: קמ"ש איה ברון

רשמת: רב"ט קריסטינת סרנצקי

אב"ד מזהה את החשוד.

ח: לשאלת בית הדין אנחנו אמורים להסדיר את העניין של הייצוג עד יום א', היום אני לא מבקש ייצוג של הסניוריה הצבאית.

ת: מדובר בחשד להשתמטות משנת 2014, בידי התביעה נכון לעכשיו צו גיוס, תחליף צו, תיעודי שיחות, הארכה מתבקשת עד ליום שני לצורך קבלת הסטטוסים והזימונים וכן כלל המסמכים המאורכבים בתיק, אם ישנם כאלה שטרם צורפו. לשאלת בית הדין יש דף מדבקות על משלוח דואר רשום של צו הגיוס

ח: למעשה המשך הדיון אני רוצה שזה יתמשך על ידי הסניור שלי כמה שיותר מוקדם, רציתי להגיד שהיות שהורו לנו רבותינו שדת התורה היא לא להתגייס לצבא נשמח ללכת אפילו לכלא אפילו למות ולא להתגייס כי רבותינו אמרו לנו שזה יהרג ובל יעבור.

ת: מעבירה את חומר החקירה לעיון בית הדין.

צום ערשטן מאל אין היסטאריע צווישן די ווענט פון דעם מיליטערישן געריכט: שטארבן און זיך נישט מאביליזירן!




דער מיליטערישער קאר (מיט א קביעות'דיגן דרייווער...) וואו מיר זענען געפירט געווארן אסאך מאל



דער בנין פון געריכט הויז אין יפו

וויבאלד מען פלאנט מיט'ן איבערשטן'ס הילף צו מאכן א געריכט וואס זאל משפיע זיין פון היינט און ווייטער אויפ'ן גאנצן יהדות החרדית, לגבי באקומען א פטור פון מיליטער, דעריבער זאל איך פאר די טובה פונעם ענין בעטן אפצושטופן די סעסיע אויף זונטאג, און דאן וועט דער לויער קענען ערשיינען צו די סעסיעס און אנהויבן א גרינטליכן געריכט.

מיר זענען ארויף צום זאל נומ' **1**. פארנט אויף א ספעציעלע בימה זיצט דער ריכטער וואס ווערט גערופן נישט מער און נישט וויינציגער ווי "אב בית דין" (!) צו זיין רעכטער זייט זיצט דער פראקוראטאר און צו זיין לינקער זייט דער פארטיידיגער. אינמיטן זיצט די טייפערין צוגעשמידט צו די קיבאורד און קלאפט אפ יעדעס ווארט וואס גייט ארויס פון יעדן איינעם פון די צדדים. ווייטער זענען דא שורות האלצערנע בענק פון ביידע זייטן פון זאל.

דארט זענען שוין געזעסן 7 ארעסטאנטן וועלכע האבן געווארט אויף א סעסיע פאר אונז. ס'איז געווען ארום **12:00** מיטאג. מיר זענען געזעסן און געווארט און געווארט. לאנגזאם לאנגזאם האט זיך גערוקט נאך א סעסיע און נאך איינס, ווי זיי וואלטן געהאט די וועלט'ס צייט. ביז ענדליך, נאך איבער איינס א האלב שעה, איז אנגעקומען אונזער רייע. מען האט אנגעהויבן מיט ר' אברהם צבי, וואס האט פארשטייט זיך גארנישט געענטפערט. ווען זיי האבן געזען אז ס'איז נישטא צו וועמען צו רעדן, האבן זיי מיר געפרעגט אויב איך ווייס וואס ס'גייט פאר מיט אים. וואס איך האב געהאט צו ענטפערן איז געווען: אז דער זעלבער לויער וואס דארף מיר פארטיידיגן וועט מסתמא אויך רעדן וועגן אים, במילא דארף מען אפשטופן די סעסיע.

ר' אברהם צבי האט מען גלייך אריבערגעפירט צו תפיסה נומער 4 (און ווי באקאנט האט מען אים גלייך אריינגעשטעלט אין די איזאלאציע [בידוד - סאליטערי] אפטיילונג וויבאלד ער האט "אנטזאגט די יוניפארם") און מיר האט מען געלאזט אויף דער סעסיע. זיי האבן געוואלט הערן אויב איך וויל אליין עפעס זאגן, טראץ דעם וואס דער לויער דארף קומען צו דער קומענדיגער סעסיע. איך האב זיי געענטפערט דעם פולסטן אמת: "וויבאלד אונזערע רבנים האבן גע'פסק'נט אז זיך מאבילייזירן צום מיליטער איז יהרג ואל יעבור, בין איך גרייט מיט שמחה אריינצוגיין אין תפיסה און **אפילו שטארבן - אבער זיך נישט מאבילייזירן!**"

א טויט שטילקייט האט זיך אראפגעלאזט אין זאל... ס'האט אויסגעזען אז אזא אויסרוף איז געזאגט געווארן אויף דעם פלאץ דעם ערשטן מאל אין היסטאריע! איך האב געזען אין די אויגן פון אלע אנוועזנדע די שאק און טראומא. נעבעך, זיי האבן נאך קיינמאל נישט געשפירט דעם אידישן טעם פון לעבן, און אוודאי נישט די לויטערע השקפה, וואס ליידער ווייסן עס אויך נישט אסאך שומרי תורה ומצוות.

די טייפערין, פאר וועמען די ווערטער האבן זיך געהערט ווי אראפגעפאלן פון די לבנה, האט נאכאנאנד געקוקט אויפ'ן שופט און אויף מיר, ווי פרעגנדיג וואס פונקטליך צו שרייבן... דער שופט, וועלכער האט פארשטאנען דאס אומגעפרעגטע, האט איר געזאגט אריינצושרייבן די זאכן אין פראטאקאל, און עס איבערגע'חזר'ט ווארט ביי ווארט.

למעשה, האט זיך מיין ארעסט פארלענגערט ביז זונטאג, ווען עס האט געדארפט פארקומען נאך א סעסיע אין אנוועזנהייט פון א לויער.

נאך די סעסיע האט מען אונז אראפגעפירט צוזאמען מיט די אנדערע ארעסטאנטן אין חצר, דארט האבן מיר געווארט א לאנגע צייט. ס'איז געווען ערב שבת, א פאקט וואס האט מיר אריינגעלייגט אין א געפערליכן פרעשור און זארג וואס ס'וועט זיין מיט'ן שבת וואס דערנענטערט זיך. דער זייגער איז נישט געשטאנען אויף איין ארט און די ווען וואס האט אונז געדארפט צוריקפירן איז נאכנישט אנגעקומען.

איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון... נאר איין ברירה איז מיר געבליבן, ארויסצונעמען דאס קליינע תהילים'ל וואס איך האלט שטענדיג אין קעשענע, און פון טיפן הארץ האב איך געבעטן דעם באשעפער ער זאל מיר העלפן פון מיין ענגשאפט און מיר וואס פריער ברענגען צום פלאץ וואו איך דארף זיין שבת, איך זאל ח"ו נישט צוקומען צו קיין ספק פון חילול שבת.

(פארזעצונג אין קומענדיגן נומער אי"ה)




## Notice of formation of Frontline Tattoo LLC

Articles of organization filed with the Secretary of State of New York (SSNY) on 7/21/25. Office Location: Orange County. SSNY is designated as agent of LLC upon whom process against it may be served. SSNY shall mail a copy of the process to: 235 Main St, StoreFront South Highland Falls, NY, 10928. Purpose: Any lawful activity. DY 11/14, 11/21, 11/28, 12/5, 12/12, 12/19/2025

---

## Notice of formation of Apex Arrow Fitness LLC

Articles of organization filed with the Secretary of State of New York (SSNY) on 9/3/25. Office Location: Orange County. SSNY is designated as agent of LLC upon whom process against it may be served. SSNY shall mail a copy of the process to: 108 Coldenham Rd, Walden NY 12586. Purpose: Any lawful activity. DY 11/14, 11/21, 11/28, 12/5, 12/12, 12/19/2025

---

## Notice of formation of Senandrya Noreia LLC

Articles of organization filed with the Secretary of State of New York (SSNY) on 7/21/25. Office Location: Orange County. SSNY is designated as agent of LLC upon whom process against it may be served. SSNY shall mail a copy of the process to: 1123 US Highway 6 Port Jervis, NY 12771. Purpose: Any lawful activity. DY 11/21, 11/28, 12/5, 12/12, 12/19, 12/26/2025

To publish your Legal Notice: Ads@kyweekly.com

